STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03483

GEZUKHT UN NISHT GEFUNEN

M. D. Widrewicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ד. ווידרעוויטש

געזוכט —
און נישט געפונען

1900—1928

M. JANKOWITZ
BOOK DEALER
and PUBLISHER
181 EAST BROADWAY, N. Y.

פארלאג: ת. יאקובסאָן, מ. גאָלדבערג
ווארשע 1929

Szukano —
a nie znaleziono
M. D. Widrewicz
Wyd. T. Jakóbson, M. Goldberg
Warszawa 1929

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner,
Warszawa Nowolipki 6

אינהאלט:

1. גומל בענטשן 5
2. דער זעקסטער כח 15
3. אויף אַ כפרה 27
4. די שבועה 35
5. אין שול 47
6. על-הנסים 55
7. אויס פורים 67
8. פאַרשטיקטע טרערן 77
9. אויפן „טאָהילניק" : . : . 83
10. געזוכט — און נישט געפונען . . . 91
11. גאָט אין וואַלד און אין שטאָט . . 99
12. חוה 105
13. די וועלף און די ציג 109
14. בלעטלעך פֿון מיין טאָג-בוך . . . 113

א. אין וואַגאָן קיין ציעכאַנאָוויניעק . 115

ב. ערשטער טאָג אין קאָלאָניע. 125

ג. יידיש בלוט . . . 127

ד. דער רב . . . 129

ה. דאָס פּיצעלע מאַרך . . 131

ו. שטיינער . . . 132

ז. רעכטס און לינקס . . 136

ח. מינים בשער, מינים קור-געסט. 138

ט. מיין יידישע רעזווע און „עמך". 139
י. „יאך מעג און יאַ ניע פאָזוואַליאם!". 141
יא. מענטשן און קינדער . . 144
יב. אוירא מיידלעך און פלירט-פריילינגס 147
יג. דער געפּיצשטשעטער . . 150
יד. דער האַרטער ליטוואַק . . 152
טו. די מאַנסבילשע מיידל און אחדות. 154
טז.ביידע דאַוונען . . . 156
יז. דערינערונג צום קאָנגרעס . 158
יח. וועגן א מנהיג . . . 164
יט. ראובן בריינין פאר 38 יאָר . 168
כ. מיין דורכפאַל מיטן סאָציאַליזם. 173
כא. הלכות וואַסער-טרינקען. . 176
כב. שלעכטע שטימונג . . 178
כג. דער וויבערישער קרבן . 179
כד. קינדערלעך און פייגעלעך . 181



מ. ד. ווידרעוויטש

גומל-בענטשן...

אדער

צוויי דורות...

1907

שטיקער וואָלקנס יאָגן זיך איינער נאָך צווייטן איינצושלינגען די אָפּגעשוואַכטע זון... אַ טונקלקייט באַדעקט די ווענט מיט דער במה פון שול... נאָר אָט שווימען אַרויס עטלעכע שטראַלען פון דער פאַריאָגטער זון און באַלייכטן די אומעטיקע, פאַרטרויערטע געזיכטער... די גרויסע, שטאָלצע וואַקסענע ליכט פאַרלירן ביסלעכווייז זייער שטאָלץ און גרויס. אייניקע האַלטן אינגאַנצן ביים אויסגיין, אייניקע ראַנגלען זיך מיטן טויט פון זייער טיפן קבר — דאָס קעסטל זאַמד. דער גוף איז שוין אויסגעגאַנגען, נאָר די נשמה שטרענגט אָן אירע לעצטע קרעפטן. אָט, דאַכט זיך, האָט זי אונדז געשיקט איר לעצטן שיינענדיק־אומעטיקן בליק, און אומגעריכט קריכט אַרויס פון טיפן קבר אַ פייערל, גיט אַ שיין מיט קראַפט און נצחון, און גלייך — ווידער פינצטער...

אייניקע ליגן אויף די בענק האַלב־דרעמלענדיק, אייניקע זיצן אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף די שטענדערס אָן אַ באַוועגונג. און ס'איז שווער צו באַשטימען, צי זיי שלאָפן, אָדער זיי זענען פאַרקלערט. פון אַ ווינקל הערט זיך אַ שטיל, הייזעריק קול פון אַן עלטערן ייד מיט אַ ניגון פון תהלים. פון עזרת־נשים קומען פאַרשידענע שטימען, געמישט מיט קרעכצן און זיפצן.

אויף איינער פון די מיטעלע בענק זיצט אַן עלטערער ייד. אַ לאַנגע, ווייסע באָרד פאַרדעקט דעם גרויסן קראַגן פון זיין ווייסן קיטל. און שטיל, פאָרזיכטיק רעדט ער מיט דעם בלאַסן, יונגן מענטש. וועלכער זיצט נעבן אים און שווייגט די גאַנצע צייט, וואָס דער אַלטער רעדט... אָפט שפּאַרט ער זיך אָן אויף

אײן האַנט, פֿאַרקלערט, און דעמאָלט איז לײכט צו באַמערקן׳ אַז די צװײטע האַנט פֿעלט אים...

...אין שול װערט אַלץ טונקעלער, רויִקער און אומעטיקער. פּלוצלינג רײַסן איבער די טויטע שטילקײט דרײַ געזונטע קלעפּ פֿון אַ שטאַרקער האַנט אויף דער בימה. דאָס איז דעם שמשס צײכן, אַז די צװאַנציק מינוט, װאָס זענען געגעבן אויף אַ הפסקה בין מוסף למנחה, האָבן זיך געענדיקט. אַ נידעריק ײדל מיט אַ שװאַכער שטים שטײט נעבן אָרון-הקודש, און אַלעמענס אויגן זענען געװענדט צו יענעם אָרט, פֿונװאַנען די שװאַכע שטים גײט, פּונקט װי זײ װאָלטן דערװאַרט עפּעס נײַעס, עפּעס װיכטיקס...

...אויף דעם אַלטנס געזיכט באַװײַזט זיך אַ שטראַל פֿון צופֿרידנקײט, און זאָגנדיק עטלעכע װערטער צום יונגן גײט ער מיט פֿעסטע טריט צו דער בימה. דער יונגער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט זײַן אײנציקער האַנט פֿעסט אויפֿן מחזור. ער שטעלט זיך אויף מיט אימפּעט, באַטראַכט די גאַנצע שול מיט גרויס װוּנדער, פּונקט װי ער װאָלט זי נישט געזען ביז איצט... האַסטיק זעצט ער זיך צוריק... ס׳איז קענטיק, אַז ער קאָן זיך קײן אָרט נישט געפֿינען...

ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, און די זכרונות טראָגן אים אַװעק צום נאָענטן, שרעקלעכן עבר...

...פֿאַראַיאָרן יום-כּיפּור איז ער געלעגן אין מיליטערישן שפּיטאָל... בײַ מוקדן האָט ער אַ האַנט פֿאַרלוירן — טראָגנדיק אויף זיך אַ פֿאַרװוּנדעטן, קריסטלעכן זעלנער, האָט אים אַ קויל דעריאָגט און די האַנט צעשמעטערט. עטלעכע שעהן איז ער אָן הילף געלעגן צװישן טויטע קערפּערס... הונדערטער קוילן זענען איבער זײַן קאָפּ געפֿלויגן, און ער איז נאָך שרעקלעכע שמערצן און יאוש דאָך לעבן געבליבן; װען מען האָט אים אין דער צעמישטער קאַלוזשע בלוט, זײַנס און פֿון די חברימס, געפֿונען, האָט מען אים אין לאַזאַרעט גענומען און די האַנט אָפּגעשניטן...

קומענדיק ביסלעכװײַז צו זײַנע קרעפֿטן, האָט ער זיך

רערוווסט, פון דער צאָל אומגעקומענע אין שלאַכט, וואָס איינער האָט אים אומגעערן געוויזן, אַז זיין ברודער איז אין דער צאָל פון די דערהרגעטע ביי לאַאיאָן. ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. עטלעכע חדשים איז ער געלעגן אויפן טויטן-בעט, קיינער האָט פון זיין לעבן נישט געהאַלטן, נאָר דאָך איז ער לעבן געבליבן...

...ער בלעטערט דעם מחזור, כּדי די געדאַנקען צו פאַרטרייבן, נאָר זיי, די געדאַנקען, זענען אים מנצח. איין דערינערונג יאָגט די צווייטע. האַפּנונגסלאָזע מינוטן. קוקן דעם טויט אין די אויגן און אפשר אַ נס...

...אַ פולער וואַגאָן מיט מענטשן... ענג... דושנע... שיכּורע שטימען מיט שלאָפּע, שטילע, באַטריבטע קרעכצן מישן זיך צונויף... ער ציילט מיט אומגעדולד די סטאַציעס, וואָס אַ סטאַציע נענטער, ווערט אים פרייער דער אָטעם, ער הערט אויף צו פילן די ענגשאַפט...

...דער צוג שטעלט זיך האַסטיק אָפּ. דער אַלטער טאַטע, וועלכן ער זעט איצט רויק, בלאַס שטייענדיק אויף דער במה נעבן דער תּורה, ליגט אין זיינע אָרעמס. דאָס געזיכט איז ביי אים דורכגעווייקט פון דעם אַלטנס טרערן.

— טאַטינקע, ווו איז די מאַמע? ווו איז מאַשעלע? — געדענקט ער זיין פאַרצווייפלט שרייען אין דעם אַלטנס אָרעמס.

— זונעלע! — הערט ער ווי איצט דעם אַלטנס שטים, — זונעלע! — כליפּעט דער אַלטער, — שטאַרק זיך מיין זון! קלייב מוט! זיי אַ מענטש, זיי אַ ייד... אַלץ איז פון גאָט, אַלץ פון זיין גזר... אָן אים טוט זיך קיין שום זאַך נישט...

...וואָס ס'איז ווייטער פאָרגעקומען אויפן באַנהויף, געדענקט ער נישט. ער ווייסט נאָר, אַז די אַלטע מאַמע מיט זיין איינציקער שוועסטער האָט ער נישט געזען. בשעת ער מיט זיין געהרגעטן ברודער זענען געווען אויפן שלאַכטפעלד, באַשיצנדיק דאָס פאָטערלאַנד, האָט מען מאַשעלען בשעתן פּאָגראָם געשענדט און נאָכדעם אויף שטיקער צעהאַקט... די אַלטע מאַמע, באַשיצנדיק איר בת-יחידה, האָט עטלעכע קלעפּ מיט אַן אייזן

איבערן קאָפּ געקריגן. זי האָט געקרענקט עטלעכע וואָכן און איז אוועק מאָנען ביים אלקי־המשפּט דעם אכזריותדיקן טויט פון אירע קינדער. אזוי, האָט מען אים דערציילט, האָט זי געטענהט עטלעכע טעג פאַרן שטאַרבן.

ער קלערט ווייטער:

...דער אַלטער טאַטע, באַרויבט פון זיין פאַרמעגן און זיינע טייערע נפשות, דאַנקט זיין רבש״ע אַלע טאָג פאַר זיינע חסדים, וואָס ער טוט מיט אים בכל עת ובכל שעה... ער עפנט די אויגן מיט מודה און לייגט זיך מיט ברוך אתה ד׳ המאיר לעולם כולו בכבודו. ער איז מקנא דעם אומגליקלעכן טאַטן און ס׳פרייט אים אויך: ער וואָלט זייער געוואָלט פאַרשאַפן דעם אומגליקלעכן, גליייביקן טאַטן פאַרגעניגן און מיטהאַלטן אים אין עבודת־הבורא, נאָר ער קאָן נישט; ער קאָן נישט דאַנקען, ער קאָן נישט האָפן... ער דענקט ווייטער: דער אַלטער טאַטע גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג, ברענגט אויף דער הוצאה, זיינע צוויי יינגערע ברידער אַרבעטן אין אַ פאַבריק, ברענגען אַהיים זייער פאַרדינסט, און מען לעבט...

...אַ ציטער גיט ער. די איינציקע האַנט זיינע גיט אַ שלייַדער, און דער מחזור פאַלט פון זיין האַנט אַרויס. דער גאַנצער עולם וואַרפט בליקן אין זיין זייט. פאַר אים זעענען זיי אומדערטרעגלעך, — זייערע בליקן. דער קאָפּ שווינדלט, די געדאַנקען הערן אויף צו דינען, אין די אויגן איז פינצטער. ער האַלט זיך פעסט אָן שטענדער, ער זאָל נישט אומפאַלן.

אַ בילד שטעלט זיך אים פאָר:

...ער זעט מיט זיינע אויגן דורכן פענצטער, ווי זיינע צוויי ברידער גייען מיט גיכע טריט. זייערע געזיכטער זענען צעשראָקן. אָט האַלטן זיי שוין די קליאַמקע פון טויער און פלוצלינג... הערט ער אַ זאַלפּ. ער לויפט אָן אַ זינען פון שטוב. וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען, ווייסט ער נישט. ליגנדיק אין בעט האָט ער געפילט אין דער באַנדאַזשירטער זייט אַ גרויס שטאכעניש. ער האָט זיך דערוווסט, נאָך שטאַרקע פאָדערונגען, אַז ווען ער האָט

זיך איינגעבויגן אין דער קאַלוזשע בלוט פון זיינע דערשאָסענע ברידער, האָט מען אים אויך געשטאָכן מיטן באַגנעט.

...די גאַנצע צייט פון זיין ליגן אין בעט, האָט דער אַלטער טאַטע פון אים נישט אָפּגעטראָטן, שטענדיק געדאַנקט גאָט פאַר זיין חסד, וואָס ער האָט מיט זיין איינציק קינד געטאָן, מציל זייענדיק עס פון מלאך-המותס חלף. ווי שפּיזן זענען דעם אַלטנס ווערטער אין זיין צעוווּנדעטע האַרץ געווען, נאָר ער האָט שמערצלעך געשוויגן. קיין איין מאָל האָט ער נישט געהערט אַ זיפץ פון דעם אַלטנס האַרץ, און ווען ער פלעגט זיך צוקוקן אין דעם אַלטנס געזיכט, איז קענטיק געווען, אַז אינעווייניק, אין האַרצן ביים אַלטן איז אַ מלחמה, און אָט, דאַכט זיך, גייט אַרויס אַ שווערער, טיפער פּראָטעסט-זיפץ, — פלעגט פלוצלינג זיין דענקען, זיין אינעווייניקסטער זיפץ, פאַרוואַנדלט ווערן אין גרויסע, באַגייסטערטע ווערטער: „משפּטיך תהום רבה, טאַטינקע, פאָטער!" מיט דער באַגלייטונג פון אַ שטילן, גאָטספאָרכטיקן ניגונדל.

...ער דערינערט זיך דאָס לעצטע בילד פון דעם פאָריקן ערב-ראש-השנה. ווען דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער מוז נאָך ליגן צו בעט אייניקע טעג. האָט זיך דעם אַלטנס געזיכט פאַרצויגן מיט אַזאַ שוואַרצן וואָלקן, וואָס ער זעט עס דעם ערשטן מאָל אויף דעם אַלטנס העלדיש געזיכט, נאָר גלייך האָט זיין ערנסט געזיכט אויסגעדריקט אַ צופרידנקייט און דאַנקבאַרקייט... און ווענדנדיק זיך צו אים האָט ער שטיל, מיט אַ טרייסט-ווייכע שטים גערעדט:

— חיימל! נישט זאָרג מיין זון, אַלץ איז פון גאָט... איך האָב געהאָפט, אַז דו וועסט קאָנען גיין אין שול ראש-השנה גומל-בענטשן... נאָר נישט דאגה מיין קינד! האָסט דאָך געהערט פון דאָקטאָר, אַז נאָך אין אייניקע טעג וועסטו דאָס בעט פאַרלאָזן... אי"ה יום-כיפּורים וועסטו גומל-בענטשן... עס איז דאָ פיל צו דאַנקן פאַר זיין גרויסן חסד און נס... צו זיינע נסים בכל רגע ורגע איז קיין צאָל...— האָט ער געענדיקט זיינע ווערטער שטיל צו זיך...

...אים איז שווער ווייטער צו דענקען און, נישט ווילנדיק, קלערט זיך...

...ערשט נעכטן איז ער פון בעט קוים אראפ; געגאנגען מיטן אלטן צו „כל-נדרי". דאס הארץ פארשטיינערט, די געדאנ־קען מישן זיך איינער מיטן צווייטן. א גאנצע נאכט האט ער געזען שרעקלעכע חלומות... היינט, קוים צו מוסף מיט די לעצ־טע קרעפטן געקומען... ער הערט, דער חזן ברומט אויף זיין גראבער שטים: „האל הגדול הגבור והנורא"!... ס'קלינגען אים אפ, ווי אין דער לופט, אומצאליקע שטימען: „דער גאט פון כח און מורא"!... מער הערט ער קיין ווארט נישט... בילדער זעט ער פאר זיך...

...די שוועסטער — א צעהאקטע אויף שטיקער. די הענט, אויסגעשטרעקטע, בעטן הילף... די ברידער אין קאלוזשעס בלוט...

נאך א רגע — און ער זעט מער נישט. אין די אויגן ווערט פינצטער, פינצטער... דעם חזנס הויכע שטים וועקט אים אויף, ווי פון חלום, ער הערט הויכע ווערטער „ד' ד' אל רחום וחנון"!... דער גאנצער עולם שרייט מיט באגייסטערונג „אל רחום וחנון. ד' ד' אל רחום וחנון"! אים שטעכן די ווער־טער, ער ציטערט פון שרעק אין צארן. אן אפקלאנג אויף די ווערטער הערט ער פון עזרת-נשים, הארץ-רייסנדיקע געשרייען און ביטערע קלאגן:

— מיין אונשולדיק עופעלע! — שרייט איינע — האבן די גזלנים צעריסן...

נאך א שטים שרייט אריבער:

— מיין טייערער קרוין!

א דריטע הייזעריקע שטים כליפעט:

— מיין טייערער ברודער!

— וואס טו איך דא? — פרעגט ער בלוטיק ביי זיך — וואס דארף איך דא? נאך וואס בין איך געקומען אהער?... ער לאזט זיך האסטיק גיין, נאר זיינע כוחות זאגן אים אפ...

דער אלטער, דערזעענדיק פון דערווייטן זיין באוועגונג, גייט צו אים שנעל צו.

— טאַטינקע! — בעט ער זיך — מיר איז נישט גוט, מיר איז הייס, ענג, דושנע... איך קאָן דאָ מער נישט זיין... איך גיי אַ היים...

— מיין זון — בעט זיך דער אַלטער מיט טרערן דער־שראָקן — קלייב מוט, באַלד לייענט מען, די ברויכסט, מיין קינד על־פי־דין גומל־בענטשן. שטאַרק זיך, דערמאָן זיך דעם חסד, וואָס גאָט האָט מיט דיר געטון...

דעם פאָטערס שטים שטאַרקט אים. ער זעצט זיך אויף זיין אָרט.

אין שול איז שטיל, פינצטערלעך, אומעטיק, ס׳דריקט צו די נשמה. אָט הערט זיך דעם בעל־קוראס שטים, דער אַלטער זאָגט אים אָן, אַז באַלד וועט ער גומל־בענטשן.

די געדאַנקען פאַרלאָזן אים. ער קאָן נישט קלערן. ער פילט אַ שטאַרק שווינדלען אין קאָפּ. די פויסט פון זיין איינציקע האַנט דריקט זיך צונויף מיט כעס... די בלוטן לויפן איבערן גאַנצן קערפּער. די פיס בייגן זיך אים אונטער, די אויגן שטאַרצן אַרויס פון זייער אָרט מיט בלוטיקע טרערן...

ער דערהערט אַ הויך קול: — יעמד החתן חיים בר־אברהם!

אָן געדאַנקען, אָן קרעפטן לאָזט ער זיך גיין. דער אַלטער פירט אים פאַרן האַנט. אַלעמענס אויגן, וועלכע זענען געווענדט אויף אים, ווייזן אים אויס ווי טויזנטער קוילן פון ביקסן, וועלכע זענען געצילט צו זיין האַרץ. ער לאָזט אַרויס פון זיין מויל די ווערטער פון דער ערשטער ברכה „אשר בחר בנו מכל העמים״...

ער פאַרלירט די געדאַנקען און שרייט:

— אויף וואָס?! צו הריגות!... צו שחיטות!...

— האל הגדול הגבור והנורא!... — פאַריכט אים דער אַלטער.

ער זאָגט אויטאָמאַטיש נאָך...

דער בעל־קריאה ענדיקט די קריאה. ס׳הערט זיך קוים די צווייטע ברכה. ביי די ווערטער „וחיי עולם״ — ווערט זיין גע־

זיכט טויט-בלאַס. דער גאַנצער עולם דערשרעקט זיך... ער הייבט אָן מיט אַ שטאַרקער אָנגעשטרענגטער שטים די ברכה פון גומל-בענטשן, זאָגט, קוים וואָס מ'הערט, די ווערטער „ברוך אתה ד'" און — אומגעריכט דערהערט זיך אַ ווילד, נישט מענטשלעך געשריי ביים וואָרט „הגומל"...

ער שטעלט אויס גרויסע אויגן און שרייט מיט די לעצטע קרעפטן:

— הגדול... הגבור... והנורא!...

און — מער הערט מען קיין ווערטער, קיין געשרייען... נאָר אַ שרעקלעכן קלאַפּ, און דעם אַלטנס היליכן „אוי, אוי!"

אין אייניקע מינוטן פון אומבאַשרייבלעכער פּאַניק, האַרץ-רייסנדיקע קלאָגן און געשרייען פון אומצאָליקע שטימען, הערט זיך דעם אַלטנס שוואַכע, וויינענדיקע שטים:

— „ברוך דין אמת"! ד' נתן וד' לקח, יהי שם ד' מבורך.

דער זעקסטער כּוס

1900

אַראָפּגעלאָזט זיך פון הימל האָט אליהו הנביא ערב פסח פאַרנאַכט; און דורך אַ הימלישן צופאַל איז ער פון דער הימלשער טיר גלייך אַראָפּ אין דער גרויסער שטאָט ו. נעבן דער ערדישער טיר פון גאָטס הויז. זיינע אויגן האָבן אָנגעקוואָלן קוקנדיק אויף די גרויסע גאָלדענע אותיות וועלכע זעען זיך פון וויטן: „זה השער לד' צדיקים יבאו בו".

מיט גרויס שמחה איז ער צוגעקומען נענטער, דורכשטופנדיק זיך צווישן פיל יידן וועלכע זענען געשטאַנען שוין יום־טובדיק פאַרפּוצט, נאר צוקומענדיק צו די ערשטע טרעפּ פון גאָטס טיר, אין וועלכע צדיקים קאָנען די זכיה האָבן אריינצוגיין, איז ער אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון צוויי יידישע „קאָזאַקי בית אלהים" אין נאַציאָנאַלע קליידער, חצי יידיש חצי גלחיש, מיט אַ גרויסן געשריי און שטופּעניש מיט די הענט: — „ניעוואָלנאָ! ניעוואָלנאָ!" און גלייך האָבן אים אַוועקגעשטויסן עטלעכע געזונטע הענט, אין וועלכע ער האָט דערפילט עשוס ידים, מער ווי אין דער ניעוואָלנאָ שטים, דעם קול יעקב... אַ פרעמדע שפּראַך פאַר אים, פאַר אליהו הנביאן פון די היטער פון דעם שער ד'... פון זיין צעטומלטקייט האָבן אים אַרויסגעפירט גבורי חיל אויף פערד, טרייבנדיק די פאַרזאַמלטע יידן וועלכע ס'האָבן נישט געפונען קיין חן אין די שמשימס אויגן.

אַ פאַרוווּנדעטער אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ווייט אין אַ ווינקל, זייענדיק זיכער, אַז דאָרט וועלן אים די זשאַנדאַרמען אויף די פערד נישט יאָגן, און געקוקט אויף דעם גרויסן טעמפּל, — ער האָט קיין טעות. זיינע אויגן זעען

די גרויסע הייליקע ווערטער: „זה השער לד׳ צדיקים יבאו בו״... ער זעט ס׳גייען נישט יידן און מען לאָזט יעדן אַריין בכבוד. ס׳גייען אויך יידן וועלכע ס׳איז שווער צו דערקענען אין זייער פנים און גאָטס טיר איז פאַר זיי אָפן, נאָר אַט קומט צו אַ ייד— אַ ייד מיט אַ יידישן הלוך און גלייך הערט זיך דער אויסגעשריי „ניע־וואָלנאָ״! און ס׳זעט זיך דאָס דרייען מיט די ווידלען פון די זשאַנדאַרמסקע פערד, וועלכע יאָגן דעם עולם.

— מיר הימלשע, פאַרשטייען גאָרנישט, ווי שווער אַ יידן איז אָנצוקומען אין דער ערדישער טיר פון גאָטס־הויז — האָט געטראַכט אליהו הנביא — נישט אַ ייד, צימווייניקסטנס נישט האָבנדיק דעם ייד אויף זיך קאָן האָבן די זכיה אַריין אין גאָטס־הויז.

ער האָט זיך גערירט פון זיין אָרט טראַכטנדיק:

— שוין נישט פרי, און איך האָב פיל אַרבעט די נאַכט.

ער איז פאַרגאַנגען אין אַ „פויליש״ שטיבל, אָפגעדאַוונט בצבור אין איין אָטעם; קיין גרויס נחת פון דעם דאַוונען האָט ער נישט געהאַט. עפעס האַלבע ווערטער. גאָר נישט ענלעך אויף גאָטס־שפּראַך... און עפעס געזונגען מער ווי געדאַוונט. נאָר גאָט צו דאַנקען וואָס מ׳לאָזט אַריין. מ׳קאָן כאָטש האָפן אויף ווייטער. נו, ס׳פעלט אָרדנונג, דרך־ארץ, — אָבער צו קיין נישט יידישע נאַגייקעס קומט עס נישט...

מיט מער מוט, פילנדיק זיך אַ ביסל היימישער, האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף די גרויסע גאַסן, ווו ס׳וווינען די רייכע פאָרטגעשריטענע יידן. אַ גביר דאַרף מען נישט לאָזן וואַרטן לאַנג, פאַר אַ גביר דאַרף אליהו הנביא אויך דרך־ארץ האָבן... והא ראה, צוקומענדיק צו אַ פיל־שטאָקיק הויז. און מיט גרויס מי געפינענדיק די טיר פון באַוווסטן גביר, איינער פון די פי־רער פון דער יידישער גמינע. מיט שווערקייט האָט ער איבער־געלייענט דעם אויפשריפט אויף דער „ניעוואָלנאָ״ שפּראַך דעם ראש־הקהלס נאָמען, אויך עפעס אַ „ניעוואָלנאָ״ נאָמען.

אויף זיין אָנקלאַפּן אין טיר, איז אַרויסגעלאָפן אַ הויכער לאָקיי מיט אַ געשריי. אויסער דעם וואָרט „ניעוואָלנאָ״! וועלכע

איז אים שוין באַקאַנט געווען פון גאַסט-הויז — האָט ער קיי־וואָרט נישט פאַרשטאַנען. דעם אינהאַלט אָבער האָט ער פאַר־שטאַנען, אז ער האָט פאַרזינדיקט מיטן קלאַפּן ווי אַ פּראָווינ־ציאַלער און נישט געקלונגען.

אַ פאַרבייגייענדיקער ייד האָט אים נאָכדעם דערקלערט דעם אינהאַלט: אַז אַזעלכע געסט האָט די פּאָניע פאַרזאָגט, זאָל מען אין הויז נישט אריינלאָזן, ווייל היינט איז דער פּאַן זאַיענטי ס'איז שוויענטאָ וויעלקאַ-נאָץ.

ער האָט געוואָלט פרעגן אויב מען וואַרט אויף אים דאָ... אויב מען עפנט רי טיר, אויב זיין כּוס איז אויפן טיש א. א. וו. נאָר די טיר איז געווען פארהאַקט.

מיט גרויסע טריט האָט זיך אליהו-הנביא געלאָזן אין די יידישע גאַסן מיט פאַרצווייפלטע געדאַנקען אויב די מ—קער יידן וואַרטן אויף אים.

קומענדיק אין די עכט יידישע גאַסן, האָבן זיינע אויערן געקלונגען מיט אומצאָליקע שטימען:

— השתא הכא!... השתא הכא!... השתא עבדי!... השתא עבדי!... כּולו מרור!... כּולו מרור!... כּולו מרור!... כּולנו מסבין!... כלנו מסבין!... כלנו מסבין... אנו ובנינו ובני בנינו משעבדים... כלנו חכמים! כלנו נבונים!... דם... חשך!... חמשים מכּות!...

נאָך אַ שטים שרייט העכער:

— חמשים ומאתים מכּות...

— דינו, דינו!... — הערט זיך פון אַלע זייטן אָפּגעשוואַכטע שטילע שטימען.

און אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ טיר פונקט צו „שפוך חמותך". מיט אַ גרויסן ברוך-הבא האָט אים מקבל-פּנים געווען אַ געראַזירטער ייד אין אַ קיטל, מיט גרויס כּבוד אויפ־הייבנדיק זיך פון אָרט.

צווישן די קינדערלעך, וועלכע אייניקע זענען געווען גע־קליידט אין בגדי שרד, איז געוואָרן אַ טומל אַ גערודער, אַז ער האָט נאָר געקאָנט הערן די ווערטער: מאַריץ! בענעדיקט!

סטאַסיע! הערענע! „פאַן זשיד אליאַנאָוועיוש״! אין דער צווייטער ווינונג, אין דער דריטער, ווייטער און ווייטער, פון שטאָק צו שטאָק פון הויז צו הויז, אלץ איין: „ברוך-הבא״ אלץ „איין סדר״ דער אונטערשיד איז נאָר אין דעם, דאָ א קיטל מיט א באָרד, דאָרט א קיטל אָן א באָרד; דאָ א לאנגע קאַפּאָטע, דאָרט אַ פראַק. נאָר צווישן די יידישע קינדער איין שפּראַך נישט קיין יידישע... — און זיי דערוואָרטן מיט אומגעדולד דעם פאַן זשיד אליאַנאָווע ער זאָל קומען טרינקען זיין כוס, וועלכן דער טאַטוּ-ניאָ האָט אליין מיט רעספּעקט אָנגעגאָסן, זאָגנדיק דערביי די קינדער: „טאָ דליאַ אליאַנאָוואַ״.

אין אייניקע ווינונגען איז ער דערשטוינט געוואָרן, געפוּ-נענדיק צוויי קאָנטראַסטן. דער בעל-הבית — יידישלעך אין קיטל אויפן טיש דער סדר איינגעאָרדנט נאָכן דין. די זרוע רעכטס, די בצה לינקס, דער מרור אינמיטן, א. א. וו. ער זיצט מיט גרויס פּחד מען זאָל חו״ש נישט אַ טרייסל טון דעם טיש און דעמאָלט אַ סוף צו דעם גאַנצן יידישקייט... צו דעם גאַנצן סדר... אַ יינגעלע פרעגט די קשיות „מה נשתנה״ „דליאַ טשעגאָ דזישישעישאַ נאָץ רוזשני שיען אָט ווסיסטקיך נאָצי צאַלעגאָ ראָקו״? א. א. וו.

די איבריקע קינדער זאָגן נאָך די הגדה, ווי ס׳שלעפּן זיך נישט געשמירטע רעדער...

אויף דער פראַגע פון אַ גאַסט פון פּראָווינץ, וואָס חידושט זיך — ענטפערט דער טאַטוש, דער מדקדק-במצוות;

— וואָס ווייסט איר פּראָווינצער דעם צער גדול בנים?! שוין דריי יאָר האָבן זיי צרות יעדעס יאָר צום איבערגיין פון איין קלאַס אין צווייטן... ווי קאָן זיין אַ רייד וועגן יידישע לימודים? ביזן גימנאַזיום האָבן זיי געלערנט אין חדר. איך האָב שוין געהאַלטן לערער אין שטוב. און די לאַגע צווינגט זייער אָפּט איבערצערייסן די לימודים. די פּיאַנינאָ איז דאָ אין שטוב, מוז דאָך זיין אַ לערער. זומער מוזן די קינדער רוען. זע, ווי זיי זעען אויס! מען קאָן נישט מאָרדעווען די קינדער... נאָך מיט יידיש פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ. צו בר-מצווה וועסטו נעמען אַ

לערער אויסלערנען זיי די קאָנפירמאַציע. און נאָך היי־יאָריקן קריזיס מוז מען איינשפּאָרן וואָס מען קאָן — אַזוי מאַכט דעם רעכענונג מיין פרוי. איך בין שטענדיק פאַרהאַוועט אין געשעפט און טאָמער האָב איך ווען אַ פרייע שעה, בין איך אַ טײַטשטעלער אין דער פאַרוואַלטונג פון „תומכי־עניים", און אַ גבאי אין שול— האָט ער געענדיקט זיין דערקלערונג מיט גדלות און מיט אַ זיפץ.

אַזעלכע געשפּרעכן האָט אליהו הנביא זיך אָנגעהערט אין די עכט יידישע גאַסן ביי אַן עכטן יידישן סדר...

פאַרוואונדערט פון די פריידן־געשרייען „השתא הכי השתא עבדי פלנו מסבן"... א. א. וו. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין צימערל נעבן אַ גרויסן טיש.

ביים טיש איז געזעסן אַ חסידישער יינגערמאַן, און אויף זיין געזיכט האָט מען געקאָנט לעזן: שרעק, עלנט, מוט און האָפ־נונג, אַלץ צוזאַמען; נעבן אים עטלעכע קינדערלעך, אַנטקעגן אים די עקרת־הבית, נעבן זיי אַ יידישער זעלנער. אויפן טיש רויטע גלעזערנע כוסות, אינמיטן טיש אַ גרעסערער כוס מיטן אויפשריפט: „כוסות של אליהו הנביא". נעבן דעם גרויסן כוס אַ גרויסע פולע פלאַש וויין. — צוקוקנדיק זיך אין פלאַש זעט מען גרויסע טראָפּן טרערן פון וועלכע די פלאַש ווערט שיער נישט צעפּלאַצט.

אויפן פענצטער און אויף דער פאָדלאָגע זענען אָנגע־שטעלט פלעשער וויין, דער בעל־הבית זאָגט הויך די הגדה, די קינדערלעך נאָך אים.

אליהו הערט גרויסע מוטיקע ווערטער:

— פלנו יודעים את התורה; ברוך המקום. ברוך הוא א. א. וו.

אויף דעם בילד פונם קליינעם צימערל, מוזן מיר זיך חונדערן מיט אליהו הנביאן. הי קומט אין אַזאַ קליין צימער אַזוי פיל וויין? מיר זעען דאָ נישט די ווירקלעכקייט פון „ויין ישמח לבב אנוש". פאַרקערט, אויף די יום־טובדיקע געזיכטער איז אַ וואָלקן פאַרצויגן, ווי אויף דעם חסידישן יינגנמאַנס גע־זיכט, אַזוי אויף דעם אומשולדיקן געזיכט פון דער עקרת־הבית; די קינדערלעך אין די יום־טובדיקע קאַפּאָטקעלעך אויך פאַר־

סרויעדס, פאַרדאגהט. אויף אַלעמענס געזיכטער איז קענטיק א שרעק ווי פון אַ ערשט דאן איבערגעלעבטע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. די קינדערלעך — זיי ווייסן די גאַנצע לאַגע. אין דעם איינ־ציקן צימער איז אַלץ פאָרגעקומען. זיי זעען אַלץ, זיי ווייסן אַלץ, אי פרייד, אי לייד.

זינגנדיק ביים טיש מיטן פאָטער צום עסן „עוד לא אבדה תקותנו", הערט זיך פון די קליינע קינדערשע הערצער, נאָך יעדן פערז אַ ביטערן זיפץ, פון וועלכן ס'שטעלן זיך טרערן ביי אליהו־הנביאן אין די אויגן.

וואָס באַדייט די גאַנצע דעקאָראַציע פון דעם אָרעמען צי־מערל? וואָס באַדייט דער כוס, דער גרויסער כוס, די פלאַש וואָס שטייט נעבן זיין אליהו־הנביאס כוס? וואָס באַדייטן די הוי־כע שרעקלעכע ווערטער וואָס ער האָט געהערט פון דעם שטילן שרעקעדיקן בעל־הבית נאָך זיין גרויסן ברוך־הבא:

— נעם אליהו הנביא דעם גרעסטן זעקסטן כוס, ער איז אויך פאַר דיר... ער איז אָנגעגאָסן מיט וויין און טרערן צוזאַ־מען, פאַרפולט איז ער מיט אמונה און אכזריות... געמישט מיט קויט און בלאָטע. נעם, טראָג אים, שטעל אים צו פאַרן כסא־הכבוד, גיס אים אַריין אין דעם כוס־הדמעות. זאָל ער, גאָט זען ווי דער כוס איז פול מבית ומחוץ. אַריבער און אריבער...

איידער דאָס יידישע פאָלק איז געווען, איז שוין ציון גע־ווען פאַר זיי אָנגעגרייט. איידער רבנים מיט שטריימלעך, מיט שטיינערנע הערצער זענען געווען, האָט גאָט, דעם ערשטן יידן „אברהם העברי" געהייסן גיין קיין ציון „לך־לך מארצך וממולדתך אל הארץ אשר אראך"... — דאָ איז נישט דיין ארץ, נישט דיין מולדת... אַזוי ווייטער און ווייטער עד סוף כל הדורות, אַלע גאָטס הבטחות צו אונדזערע אבות. צו משה־רבנו און אונ־דזערע הייליקע נביאים. אַלע אונדזערע חכמים, אַלע אונדזערע גרויסע. וואָס איז געווען זייער שטרעבונג? ציון איז געווען זייער איינציקער ווונטש.

און מיך פאַרפאָלגן מיינע בילדער. מיין אייגענע משפחה

און לאָזן מיך עד כּכּר לחם, ווייל איך בין אַ ציוניסט.

מיין שווער וועלכער פֿאָרט צום רבין עטלעכע מאָל אין יאָר האָט געזאָגט פֿאַר אַן עדה יידן, אַז דער רבי האָט געזאָגט אַז מען טאָר מיך נישט רעכענען אינם צאָל פון אַ מנין יידן. איך האָב געלעבט פון מיין געוועלבל, און איצט, אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון די חסידישע גאָטס-קאָזאַקן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַלע קונדן, מיינע באַקאַנטע חסידים פון מיר.

הערט ליבער ייד! — האָט ער זיך געווענדט צום גאַסט: ס'איז געקומען דער פֿאַר פּסח. שלעכט, נישטאָ פון וואָס פּסח צו מאַכן, האָט מיר געגעבן אַן עצה אַ פרײַנט בשתיקה פון די איבעריקע חסידים, ס'זאָל נישט דערגיין אינם רבינס אויערן..: איך זאָל האַנדלען מיט פּסחדיקן ווײַן. איך האָב געפאָלגט זיין עצה, געקויפט ווײַן אין אַ באַוווסטן כּשרן אָרט, אויף האַנט-געלד איינגעלייגט די זיידענע חתונה-קאַפּאָטע מיט אליהו הנביאס זילבערנעם כּוס וועלכער איז מיר געבליבן דער איינציקער זכּרון פון מיין דרשה-געשאַנק אויף אַ משכּן. געלויבט איז גאָט דער פּסח איז אין שטוב. איך האָב געמאַכט דעם רעכנונג ערב פּסח נאָך בדיקת חמץ. ס'קוועלט דאָס האַרץ, נאָך פּסח אי"ה וועל איך אָפּנעמען דעם רעשט פון פדיון, וועל באַצאָלן וואָס עס קומט נאָך פון מיר פֿאַר דעם ווײַן. דער פּסח איז דאָ און אויך פֿאַרדינסט. דעם מלמד געגעבן אַ מתּנה צוויי פלעשער ווײַן, מיט אַ הבטחה אַז חול-המועד אי"ה וועל איך סילוקן די עטלעכע רובל שכר-למוד. איך האָב זיך געפילט גליקלעך. מיטאַמאָל אַן אומגליק. ערב פּסח נאָך האַלבן טאָג איך קום פון גאַס מיטברענגענדיק די נייטיקע זאַכן צום סדר. איך געפין ביי מיר אין צימער אַ איבערקערעניש, דאָס ווייב חלשט, די קינדערלעך שרייען, עטלעכע ווייבער מונטערען איר, צענדליקער פלעשער ווײַן שטייען אין אַלע זייטן אינמיטן צימער.

— אָ, גזלן—האָט מיין ווייב געשריגן עפּענענדיק די אויגן— נאַ דיר ציון, נאַ דיר ציוניזם, איך האָב שוין לאַנג געוווסט, אַז דער ציוניזם וועט מיך אין דר'ערד אַרײַנלייגן, אַ מאַן פון אַ

ווייב מיט קינדערלעך לאָזט זיך נישט אַריין אין נאַרישקייטן... דער רבי הייסט נישט, דאַרף מען נישט. „ער זאָל לעבן" ווייסט בעסער וואָס אין דער הייליקער תּורה איז געשריבן, „ער זאָל לעבן" ווייסט מער פון דיר, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט... אוי! ווי איז מיר! ביטער איז מיר! נאָ דיר פּסח, נאָ דיר יוםטוב, זע, אָט האָט מען דיר צונויפגעטראָגן דעם גאַנצן ווייַן, טרינק וויפל דיין האַרץ גלוסט, באָד זיך אין אים, אָבער חולהמועד מיט וואָס וועסטו צאָלן פאַר אַלץ וואָס איך האָב געבאָרגט אויף פּסח?... אַלעמען זאָל אויסגיין אַזאַ סוף וואָס הערט נישט דעם רבין, און פאָלגט נישט קיין ווייב...

איטשע מאירס דינסט האָט די ערשטע געבראַכט דעם ווייַן נאָכדעם אויף איין מאָל די איבעריקע. זי איטשע מאירס דינסט האָט מיר דערציילט, אַז קומענדיק נעכטן פון „אים זאָל לעבן" האָט ער אַלעמען דערציילט, אַז דער רבי האָט געזאָגט: „מען טאָר קיין מגע-ומשא נישט האָבן מיט אַ ציוניסט און טרינקען ווייַן וועלכער איז געקויפט ביי אַ ציוניסט איז אסור גלייך ווי גויִשער..."

איטשע מאיר ווי אַן אמתער ערלעכער ייד האָט קומענדיק אין שטיבל איבערגעגעבן אַלץ וואָס „ער זאָל לעבן" האָט גערעדט. נאָ דיר ציון, אַ קלאָג איז מיר, אַ בראָך איז מיר!

אָט אַזוי האָט זי מיר אויסגעשריגן דעם גאַנצן מוסר-צעטל, וועלכן איך האָב קיין געדולד געהאַט אויסצוהערן; אַ מינוט איז טייער איך האָב זיך געלאָזט לויפן. פיל פון מיינע קונדן האָבן מיט מיר אינגאַנצן נישט געוואָלט ריידן. עטלעכע פון מיינע אוהבים — איידער איך בין געוואָרן אַ ציוניסט פאַרשטייט זיך— האָבן מיר געוויזן צענדליקער בריוו פון רביים מיט אַן אסור גמור אויף צו האָבן וואָסער ס'איז משא-ומתּן מיט אַ ציוניסט, און ס'העלפט קיין בקשות ותחנונים...

אָט איז דער ווייַן ווי איר זעט, איך האָב גענומען פון אַלע פלעשלעך צו ביסלעך ווייַן און האָב אַריינגעגאָסן אין דעם גרויסן שטאָף און האָב פאַר אליהו הנביאן נעבן זיין פינפטן כּוס אַוועקגעשטעלט אַ זעקסטן... זאָל ער אים נעמען, זאָל ער

אים טראָגן צו גאָט, ווייזן יידישן יושר, חסידישע מעשים, זאָל ער אים אריינגיסן אין דעם כוס של דמעות, אז ס׳וועט פול ווערן, ס׳וועט זיך גיסן אריבער און אריבער... זאָל ער שטיין אין באָטס קאַנצעלאַריע, זאָל ער זיין אַן עדות אויף דער צייט, פאַר דעם קומענדיקן דור...

— — — — — — — — —

מיט גרויס איילעניש, מיט אויגן פול טרערן האָט זיך אליהו הנביא געלאָזן גיין מיט דעם זעקסטן גרויסן כוס, און אין שטוב נאָך האָט מען אים שוין געזען מיט דעם שווערן גרויסן כוס א פאַרצווייפלטן און אומעטיקן שטיין, פון זיין געזיכט האָב איך געלעזן פאַרדרוס און רחמנות, זיין געטלעך גוט געשטאַלט האָט געברענט מיט צאָרן און חרפה. ווי א שרעקעדיקער האָט ער זיך אויף די פיס געוואַקלט, ס׳איז קענטיק געווען אַז דער זעקסטער שווערער כוס איז אים שווער איינצוהאַלטן, ער איז שווער זייער שווער...

מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אויפגעהויבן אינדער־הייך, און מיינע אויגן האָבן אים געזען ווייט, הויך, ווייט פון אונדז, זייער ווייט... גרויסע טראָפן טרערן געמישט מיט ווייַן האָבן אַראָפגעטריפט איןברייטן חלל, און מען זעט ווי זיי פאַרענדערן זיך אין גרויסע שוואַרצע וואָלקנס, און וואָס נענטער זיי קומען צו דער ערד, פאַרוואַנדלען זיי זיך אין שמוץ, קויט. בלאָטע אויף די קעפּ פון דער גאַנצער יידישער וועלט איך האָב אים אין דער פינצטערער נאַכט נאָכגעשריגן ווייט, הויך:

לשנה הבאה בירושלים!!!

אויף א כפרה...

1909

דעם טאָג וואָס פאַר ערב יום־כּיפּור, איז חיה־גרינבּ די מלמדקע אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע טאָג, די מחשבות האָבן איר נישט געלאָזט שלאָפן די נאַכט.

שוין מער ווי אַ יאָר זייט איר מאַן חיים־מאיר דער מלמד ליגט צו בעט און הגם דאָס לעבן איז זייער ביטער, זי האָט שוין פאַרזעצט פון שטוב אַלע חפצים און אָנגעקומען צו גמילות־חסדים. פונדעסטוועגן האָט זי נאָך קיין איינמאָל נישט דערצערנט דעם רופא־חולים מיט אַ זינדיק וואָרט און האָט צוזאַמען מיט איר קראַנקן פרומען מאַן געהאָפט מיט גרויס בטחון און געוואַרט אויף דעם רבונו־של־עולמס גיכע רפואה־שלמה. נאָר פון עטלעכע טעג גייט אַרום חיה־גרינע ווי אַ שאָטן, און ס׳איז קענטיק אויף איר געזיכט, אַז זי דערוואַרט עטוואָס שרעקלעכס... דער ערב יום־כּיפּור איז שוין נאָענט און חיים־מאיר האָט נאָך קיין כּפרה נישט.

צוויי מאָל אין טאָג איז זי אויף דער פּאָסט געלאָפן. דען נאָך איר רעכענונג דאַרף זי דערהאַלטן די דריי רובל, וואָס, איר זון, דער שניידער, שיקט איר אַלע חודש פון וואַרשע. זי איז אויך היינט גאַנץ פרי אויף דער פּאָסט געלאָפן, נאָר אָנ־שטאָט געלט, האָט זי אַ קאַרטל דערהאַלטן, וווּ ער ווינטשט אַ חתימה־טובה — און געלט, שרייבט ער, וועט ער שיקן תּיכף נאָך יום־כּיפּור.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט זי זיך צוריקגעקערט אַ היים, ווו ס׳איז איר אויסגעקומען פאַרבייגיין איר רייכן שכנס הויף, וועלכן ס׳טיילט אָפּ נאָר אַ נידעריקער פּלויט, און מיט

קנאה און פאַרוואונדערונג האָט זי געקוקט אויף דעם הויף, ווו עס שפּאַצירן אַרום היינער מיט הענער...

איר האַרץ האָט דאס ערשטע מאָל אין לעבן געפילט קנאה און איר שטענדיקער תּירוץ, אַז יענער פאַרמאָגט האָט ער דאָס מסתּמא פאַרדינט ביי דעם רבונו-של-עולם, האָט איר יעצט נישט באַפרידיקט און זי האָט נעקלערט: וואָס וואָלט דיך אַרן רבונו-של-עולם, אַז אויפן צווייטן הויף, נעבן זלמן דעם נגידס הויף, זאָל אַרומגיין כאָטש איין האָן, מיין קראַנקער פרומער מאַן זאָל קאָנען מקיים זיין דיין ליבע מצווה פון כפּרות, ווי אין דיין הייליקער תורה שטייט?... וואָס וואָלט דיך אַרן? קנאַפּ עופות, רבונו-של-צולם, האָסטו אויף דיין וועלטל?...

אַ געדאַנק איז איר אַרויף אויפן זינען, און וועלכן זי האָט אַ ציטער געטאָן... און האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל אַריינגייענ-דיק גיך אין שטוב..:

אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך קיין אָרט נישט געפונען, און וואָס נאָר זי האָט געטאָן און וווהין זי איז געגאַנגען, האָט זי פאַר זיך געזען זלמן דעם נגידס-הויף מיט די עופות. און ווען ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט און דעם שכנס ייגל, וועלכער וווינט ביי איר אין קיך, האָט איר געלייענט די נייעס פון בלעטל, ווי אַלע טאָג, ווען ער קומט פון דער אַרבעט,—האָט זי גערנער געהערט ווי אַלע מאָל. איבערהויפּט האָט איר פאַראינטערעסירט אַ מעשה מיט אַן עקספּראָפּריאַציע, וואָס האָט געטראָפן אין אַ שטאָט, אויף וועלכע דעם שכנס ייגל האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין מיט ברען:

— ווי דען? — האָט ער געשריגן ווי אַן אויסגעלערנטע דרשה — ווי דען? איינעם גאָר און דעם צווייטן גאָנישט? פאַר וואָס? פאַר ווען? אַז מען גיט נישט, כוז מען אַליין נעמען! נאָר נעמען ווי אַ קלוגער, נישט סתם כאַפּען נאר אָט ווי דער, מאַלאָדיעץ! ווי איך בין אַ מענטש, מאַלאָדיעץ! — ס׳איז אַ מצווה, חיה-גרינבע! אַ מצווה, ווי איר זעט מיך אַ יידן, נעמען ביי די אָנגעגעסענע בייכער, ביי די בורזשוקעס, ס׳איז אַלץ אונדזערו—

האָט ער נישט אויפגעהערט שרייען, ווען חיה-גרינע איז שוין נישט געווען.

די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. אין שטוב איז טונקל און שטיל ווי אויף אַ בית-עולם. ביי חיה-גרינען אין האַרצן איז אויך דאָס זעלבע. חיים-מאיר דרעמלט מיט האַלב אָפענע אויגן, און קרעכצט שטיל. חיה-גרינע קוקט אין פענצטער, פון וועלכן ס׳זעט זיך זלמן דעם נגידס גרויסער הויף, ווו די עופות גייען אַרום מיט גאווה... זי טוט אַ ציטער, און גייט שנעל אָפּ פונם פענצטער מיט שרעק פאַר זיך אַליין. נאָר גלייך גייט זי ווידער צו, און רעדט צו זיך: „רבונו-של-עולם! שטראָף מיך נישט פאַר מיינע זינדיקע מחשבות ערב יום-כיפור. דעם שכנס יינגל איז דאָך זייער געדערכט. פאַרוואָס איינעם גאָר און דעם אַנדערן גאָרנישט?... פאַרוואָס זלמנען אַ הויף מיט עופות, און פאַר מיין קראַנקן אָרעמען מאַן, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן געלערנט דיין תורה, אַ פּיטשיק הענדל אויך נישט?... שטראָף מיך, טאַטוניע זיסער, אויפן נייעם יאָר, אויב מיין כוונה חס-וחלילה איז אכילה ושתיה... אַ כפרה געב מיר פאַר מיין קראַנקן מאַן ווען דו גיסט נישט, פאַרוואָס טאָר איך אַליין נישט נעמען, צוליב מקיים זיין דיין הייליקע מצווה?... דו ביסט דאָך אַן עדות, אַז איך האָב געזאָגט חיים-מאירן נאָך די פאָריקע וואָך אַ ליגן, כדי צו באַרויקן אים, אַז איך האָב שוין געקויפט פאַר אים אַ כפרה. וואָס זאָל איך איצט טאָן?...

— חיה-גרינע! — האָט איבערגעשלאָגן אירע געדאַנקען חיים-מאַירס שוואַכע שטים — חיה-גרינע! ברענג אַריין דעם האָן, און גיב מיר דעם סידור. ס׳איז שוין נאַכט, איך וועל שלאָגן כפרות, און דו וועסט אַוועקטראָגן דעם האָן צו זלמנען, דאָרט וועט געוויס דער שוחט באַלד זיין.

חיה-גרינען איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן, דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט. זי איז אָן ווערטער אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן איז געווען אַ שרעקלעכע פינצטערניש, זי איז צוגע-

גאַנגען מיט אימפּעט צום פּלויט, בײַ זלמנען אין הויף אױפֿן שטיל. ס'הערט זיך נאָר פון פאָרהויז געשרייען פון עופות, אין ווינקל פון פאָוויעטש דרעמלען אויף אַ שטאַנג פיל עופות, אויף וועלכע דער גורל איז געפאַלן צו לעבן ביז דעם זמן־שמחתנו. זי האָט זיך גענומען מיט ביידע הענט פעסט פאַר דעם פּלויט, אריבערגעלייגט אַ פוס, נאָר גלייך האָט זי געפילט אַ שוואַכקייט אין גאַנצן קערפּער און איז צוריק געבליבן אויף דעם זייט פּלויט בײַ זיך אין הויף. אין קאָפּ האָבן זיך געמישט און געראַנגלט פאַרשידענע מחשבות: ערב יום־כיפור — פאַר דעם גזר־דין — פאַר דער חתימה... אַזאַ זינד, אַזאַ עבירה...

— און פקוח־נפש? — האָט זי ווי געהערט אַ שטים, — ס'איז דאָך רעכט, ער זאָל חס־ושלום שטאַרבן פון עגמת־נפש, און פקוח־נפש איז דאָך דוחה שבת. צוליב פקוח־נפש מעג מען אַלץ. איז דען דאָ אַ גרעסערע עבירה, ווי טרינקען מילך נאָך פליייש? און ווען זי איז אַמאָל קראַנק געווען, האָט איר ר׳ מאיר אַליין געגעבן אַ גלאָז מילך נאָך פליייש, און האָט דערבײַ מוסף געווען, אַז וואָס פאַר אַ עבירה מען טוט צוליב פקוח־נפש איז די גרעסטע מצווה...

— און וואָס פאַר אַהיזק וועל איך זלמנען טאָן? — האָט זי שטיל גערעדט — פאַרקערט! נישט ווייסנדיק וועל איך אים מזכּה זיין מיט דער גרעסטער מצווה, גמילת־חסדים... איך גנבע דען חס־ושלום? גאָט באַהיט! איך באָרג, איך נעם בײַ אים אַ גמילות־חסד. אי"ה נאָך יום־כיפור, ווען איך וועל דערהאַלטן דריי רובל, וועל איך גלייך קויפן אַ האָן און וועל אים אַוועקזעצן אויף דעם זעלבן אָרט. און דו אַליין רבונו־של־עולם וועסט זיך פרייען...

דער געדאַנק האָט זי דערמונטערט, און מיט מוט איז זי אריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט, שטיל צוגעגאַנגען צום שטאַנג פון די עופות, אַראָפּגענומען פאָרזיכטיק אַ ווייסן האָן, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן: — רבונו־של־עולם איך באָרג... אַ גמילות־חסד... אַ מצווה, אַ צווייענדיקע מצווה...

און האָט זיך געלאָזט גיין צום פּלויט

גאָר פּלוצלינג איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, די הענט האָבן גענומען ציטערן, זי האָט געפילט, ווי די קרעפטן פאַרלאָזן איר. ס'האָט זיך איר געדוכט, ווי ס'הערן זיך טויזנטער שטימען פון אַלע זייטן: „גנבטע! גנבטע!" און עק הויף שטייען די אמהות: שרה, רבקה, רחל, לאה מיט נאָך נשים־צדקניות אין תכריכים. מיט שטעכיקע אויגן קוקן זיי אויף איר און שרייען:

„חיה־גרינע! פאַר דעם גזר־דין! פאַר דער חתימה!..."

זי האָט צוגעדריקט מיטביידע הענט דעם האָן צום האַרצן ער זאָל נישט אַרויספאַלן פון אירע טרייסלדיקע הענט. און פּלוצלינג האָט זיך די טיר פון זלמנס קיך געעפנט און ס'האָט זיך דערהערט די בעל־הביתטעס בייזע שטים, ווי זי שרייט צו דער דינסט:

— גיכער בייט איבער דעם גאַלאַנעם האָן אויף דעם ווייסן! דער שוחט קומט באַלד. מיט קיין זאַך קאָן מען זיך אויף זיי נישט פאַרלאָזן!

נעבן פלויט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ און אַ פאַרשטיקטער געשריי פון אַ האָן...

ווען מען האָט זי דערמונטערט און דעם פאַרשטיקטן האָן פון איר האַרצן צוגענומען, האָט מען געהערט אַ שוואַכע קראַנקע שטים מיט שרעקנדיקע צעצויגענע ווערטער:

— כּ־פּ־רות כּ־פּ־רות... פּקוח־נ־פש... אַ מצ־וה... איך באָרג... אַ גמי־לות־ח־סד... פאַר מיין מאַן אַ כּ־פּ־רה...

די שבועה

1903

פילנדיק זיך זייער שוואַך נאָכן תענית מוצאי יום-כיפור האָט דאָך רבי חיים גלייך נאָך הבדלה, נאָר עטוואָס גענומען אין מויל, און אַראָפּ פון דריטן שטאָק מאַכן אַן אָנהייב פון דער סוכה נאָכן דין פון שולחן-ערוך.

גייענדיק מיט לאַנגזאַמע טריט האָט ער אויף די טרעפּ געהערט די קלעפּ פון האַמער און דאָס שליידערן פון ברעטער. אַ גוויסער זיפץ איז פון זיין האַרץ אַרויס, דערזעענדיק ווי בערל דער סטאָלער אַרבעט פלייסיק מיט זיינע צוויי בנים, און די אַרבעט וואַקסט פשוט ביי זיי אונטער די הענט. ווייטער אַ ביסל אַרבעט גרונם דער שניידער מיט זיין בן-יחיד מיט גרויס התמדה. אויך רבי זלמן ליכוויאַזש אַרבעט צוזאַמען מיט דעם ווירט פון הויז און שטעלן צונויף אַ פּאַרטיקע סוכה.

ער בלייבט שטיין אינמיטן הויף, די הענט אויסגעשטרעקט ווי גרייט צו אַרבעט. די אויגן קוקן אין אַלע זייטן, ווי זיי בעטן הילף. ער קוקט מיט קנאה אויף בערל דעם סטאָלער, ווי זיינע בנים אַרבעטן מיט חשק. זיין בן-יחיד האָט ער פון נעכטן צו כל-נדרי אין די אויגן נישט געזען. די אַלטע האָט אים דערציילט וויינענדיק, אַז מאירל האָט איבערפרי גענומען אַ ביכל און איז אַוועק. ס'האָט נישט געהאָלפן איר בעטן און וויינען.

אַליין מאַכן אַ סוכה, איז נישט פאַר זיינע כוחות. בעטן דעם סטרוזש שעמט ער זיך פאַר די שכנים, מאַכן בשותפות מיט אַ שכן, געדענקט ער נאָך די בזיונות פון פאַריאָרן; אַלע

ווען אַלע זענען געזעסן מיט די קינדער, און זיין מאירל האָט געקוקט אין פענצטער אַן אַ היטל און געפייפט...

— אָ! — האָט ער געזיפצט — וואָסערע רוחות האָבן מיך געבראַכט אַהער אין דעם פאַרשאָלטענעם וואַרשע?! ווו אַפילו אַ מצווה מקיים צו זיין קומט אָן מיט מסירת-נפש און בזיונות... ביי אונדז אין שטעטעלע — קלערט ער זיך — גיי איך מיר אַרויס פון טיר, שלאָג אַריין אַ פלאָקן אין דער ווייכער ערד אָן מי נאָכן תענית, אָן עגמת-נפש, און בין מקיים די מצווה ווי גאָט האָט געבאָטן. און טאַקע סוכות אַליין קאָן ׳מען אָפּקומען מיט ווייניקער צער און חרפה אפילו מיט אַזאַ תּכשיט ווי מייַנער. ערשטנס האָט ער נישט וווהין צו גיין, צווייטנס, פון הלכות-אכילה האַלטן זיי גראָד די קעמפער. און קיין גרעק מיט טשאַטעס איז נישטאָ, איז מען מקיים דעם „כבד" און מען עסט אין סוכּה... און דאָ, ווו טאַטע-מאַמע?! הייב איך ווען אויף אַ העכערע שטים, אָדער די אַלטע מיינע, זעט מען אים שוין נישט עטלעכע טעג פאַר די אויגן. דער אַלטער מאַמען טריקע-נען נישט די אויגן, און איך וואָס? ב"ה פון פיר איינער... און זייט ער האָט די צוויי לעקציעס געקריגן, דראַט ער אַלע ווייל, אַז ער גייט אַרויס פון דירה.

— וואָס קלערט איר, רבי חיים? — שלאָגט אים איבער זיין קלערן בערלס עלטערער זון.

— אָט גאָרנישט — ענטפערט ער אים — איך וואַרט, באַלד וועט קומען מיין מאירל, וועט ער מיר העלפן די ברעטער פון קעלער אַרויסטראָגן, וועל איך זיי צוועקלייגן אָט דאָ, וועט שוין זיין אַ התחלת-מצווה נאָכן דין, און מאָרגן אי"ה וועל איך מיט מאירלען צונויפשטעלן די סוכּה... אָ! — האָט ער געזיפצט — ס׳איז שווער אָן ערלעכער ייד צו זיין אין אַ גרויסער שטאָט. ס׳איז ! אַלץ ווי אויפצולהכעיס, ביי אונדז אין שטעטל, גייט מען אַרויס פון טיר, מען שלאָגט אַריין אַ פלעקל אין דער ווייכער ערד, און גיי רוען נאָכן תענית בדבעי, און דאָ שלאָג אין שטיינער, אָ!...

— קומט רבי חיים! — האָט אויסגעשריגן בערלס עלטע-

רער זון— חייזט מיר, ווו ס'ליגן די ברעטער. איר זייט שוואַך, גייט אָפּרוען, דער טאַטע איז שוין לאַנג אין שטוב, אייער סוכה דאַרף נישט פּיל געדויערן צונויפשטעלן; זי איז דאָך פון גאַנצע ווענט. פאַר איין שעה שטעלן מיר זי צונויף, איך מיטן ברודער.

— זלמן! — האָט ער גערופן — קום נעמען רבי חיימס סוכה! קומט רבי חיים, ווייזט וואָס צו נעמען.

אין עטלעכע מינוט אַרום טראָגט זלמן איין ברעט, זיין ברודער אַ גאַנצע וואַנט. רבי חיים לייגט אַוועק מיט אַ גרויסן זיפץ אַ פענצטערל. און נאָך דעם פּיל בעטן פון בערלס קינדער גייט ער אין וווינונג. בערלס קינדער שרייען אים נאָך:

— זייט רויק, רבי חיים! איינס, צוויי, דריי און די סוכה איז פאַרטיק, חול-המועד אי"ה וועלן מיר און איר פראַווען שמחה בית-השואבה.

גייענדיק אויף די לעצטע טרעפּ פון זיין טיר, הערט ער די אַלטעס וויינענדיקע שטים.

דאָס וויינט מיין אַלטע — רעדט ער צו זיך — און דער בן-יחיד בייזערט זיך.

ס'עפנט אים די טיר אַ בחורל פון אַ יאָר אַכצן, אָן אַ היטל, אין אַ שוואַרץ העמדל, ריידנדיק:

— מוסר, מוסר דורכן טאָג און נאַכט. ס'ליגט מיר נישט אין קאָפּ אייער ווילדער אָפּגעלעבטער מוסר...

רבי חיים זעצט זיך אויפן שטול אָן כח, די אַלטע שטאַרקט זיך דערלאַנגט דאָס עסן. רבי חיים וואַשט די הענט פאַרקלערט, זאָגט הויך די ברכה מיט אַ שוואַכער ציטערדיקער שטים, און גלייך נאָך המוצא, ווענדט ער זיך צום זון — קום עסן!

מאירל ענטפערט בייז — איך וויל נישט עסן, איך בין זאַט מיט אייער מוסר...

— אפשר מיט דעם גרעקס טשאַסטעס? — פרעגט ער איראָניש.

מאירל ענטפערט נישט, גייט אַרום איבערן שטוב און פייפט.

— זאָג מיר נאָר איין זאַך מיין איינציקער קדיש...—רעדט רבי

חיים מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס.—שוין זייט איר מבטל, דו מיט דיינע קעמפּער, רחמנא־לצלן, ווי איר רופט זיך, אויך די עשׂרת־הדברות? אויסער דעם — כבד ביסטו דאָך עובר יעדער רגע אויף דעם „לא תירצח". הרגעסט מיך מיט דער מאַמען אַלע ווייל אָן אַ מעסער. ווי האָט מען נישט קיין רחמנות אויף אַ טאַטען און אַ מאַמען און מען צאַפּט זיי דאָס בלוט מיט אַזעלכע בזיונות... זע, בערל דעם סטאָלערס קינדער אויך גלייכע קעמפּער ווי דו. גייען אויף בערזעס... האָבן אויך געשטרייקט, און דאָך האָב איך זיי אַ גאַנצן יום־כּיפּורדיקן טאָג געזען אין שול, און דו האָסט זיך געוויזן אַ קליינע ווייל מיטן גרויסן כאַכאָל, געקוקט אין אַלע זייטן מיט אַ שמייכל און מער האָב איך דיך נישט געזען... אַ גאַנצן הייליקן טאָג נישטאָ מיין בן־יחיד. אַפילו צו נעילה, צו דער חתימה נישטאָ מיין קדיש, געקומען פון שול נישטאָ... איך שטער דיר, דאַכט זיך, אין קיין זאַך נישט, ווילסט נישט זיין אין געשעפט, זאָל זיין נישט. ווילסט גיין צום עקזאַמען, גיי, אָבער שטאַט, דרך־ארץ?! אויב דאָס איז די לצרע פון אייער נייער תורה איז ימח שמה וזכרה!...

— צר פאַרשוואַרצט מיר מיינע אויגן. איך קאָן מיין קאָפּ נישט אויפהייבן פון בזיונות — האָט איבערגעשלאָגן די אַלטע כלי־פּענדיק.

— איך וועל דיר מער נישט פאַרשוואַרצן די אויגן, מאַמע!— האָט זיך מאירל האַסטיק געזעצט ביים טיש און געגעסן איילנדיק, קוקנדיק און אַ ביכל, — איך גיי אַרויס אין אַ דירה...

— נו, פאַרשטייט זיך, דאָס איז אויך דער געבאָט פון דער נייער תורה... דו ביסט שוין אַן עושר. אז מען האָט צוויי לעקציעס, איז אויס טאַטע־מאַמע, ווען ס'דוכט זיך, אַז מען קאָן אויסקומען אָן זיי...—האָט ביטערלעך גערעדט רבי חיים,—נאָר ביז דו וועסט זיך אַריבערציען אין דער נייער דירה, בעט איך דיך מבער צו זיין דעם חמץ אין יום־טוב סכות... און צונעמען דיינע ביכלעך, מען מאַכט אביסקעס אַלע נאַכט, געוויס האָט מען דיך אויפן אויג... דיין כאַכאָל מיט דעם שוואַרצן העמדל איז אַ גוטע שילד...

—ביי מיר איז נישטאָ קיין טרפה זאַכן, ביי מיר איז אַלץ כשר, אַלץ אמת, זיין תורה איז די אמתע, מיין לערע איז די ריכטיקע, טרייפקייט זוך ביי דיינע חסידים — האָט ער געשריגן לאָזנדיק זיך צום טיר.

— וווהין גייסטו? ס'איז שפעט. ס'איז נישט זיכער יעצט אין גאַס, מען רעווידירט זייער אָפט. —האָט זיך געבעטן די אַלטע,— גיי נישט...

— איך קום באַלד! ס'איז נאָך פרי. — האָט ער געשריגן אויף יענער זייט טיר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטוב איז אַן אָנגעשטרענקטע שטילקייט... די זייגער בייטן זיך. עטלעכע מינוט זענען זיי געזעסן אין אַזאַ דערשטיקטער שטילקייט. זיי האָבן ביידע מורא געהאַט אָנצורירן די בשותּפותדיקע וווּנד... שווייגנדיק האָט ער גענומען דאָס ליכט פון טיש, איז צוגעגאַנגען צו מאַירלס עטאַזשערקע, אויף גיך באַטראַכט עטלעכע ביכלעך, — ווער קאָן וויסן וואָס מען מעג אין וואָס מען טאָר נישט...—רעדט ער צו זיך—מען דאַרף אַ מאָל זען וואָס לייענען זיי — קלערט ער. און נעמענדיק אַ קליין ביכל, מיט אַ געדרוקט שטיקל פּאַפּיר וואָס ליגט באַזונדער אין ביכל. גייט ער אין שלאָף-צימער. ער לייגט אַוועק דאָס ביכל אונטערן קישן. לייענט „קריאת-שמע". ליגנדיק אין בעט הערט זיך איין זיפץ נאָך דעם צווייטן. די אויגן קלעפּן זיך, און ער הערט אַנשלאָפן...

פ

נאָך האַלבע נאַכט אַ רעש אין הויף... אַ רעוויזיע... מאַירל לויפט צו דער עטאַזשערקע. כאַפּט עטלעכע בראָשורן מיט פּאַפּירן, רייסט און פאַרברענט. גייט צו צום פענצטער, און גלייך דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און אַ געזונטע שטים: אָטוואָרי!... ס'גייען אַריין עטלעכע זעלנער, אַן אָפיציר אין אַ רעוואָלווער, מען נעמט זיך אָן דבורים גלייך צו דער עטאַזשערקע. נאָכדעם צום בעט, מען טרייסלט איבער אַלץ, חיים מיטן ווייב הערן נישט, זיי שלאָפן ווי נאָך אַ תענית. צוויי זעלנער בלייבן מיט מאַירלען און דעם חדר, און די איבעריקע גייען אין שלאָף-

צימער, די טיר עפנט זיך האסטיק, און די אלטע שלאָפן געשמאַק.

— „וסטאַן”! — טרייסלט אים אַ געזונטע האַנט אָן דרך־אַרץ...

ער עפנט אויף די אויגן מיט שרעק, קוקט זיך אַרום. ער איז אין ספק אויב ס'איז אַ חלום... נאָר ווען דער זעלנער האָט זיך צעבייזערט: „טשטא סמאָטריש זשיד?!... און האָט אים אָנגעגומען פעסט פאַרן האַנט שרייענדיק: „סליעז זשיד”! אַז ער האָט געפילט אַ שטאַרקן ווייטאָק, האָט ער שוין נישט געצווייפלט אַז ס'איז אויפן וואר...

דער אָפיציר האָט גענומען דאָס ביכל, וועלכן דער זעלנער האָט אים דערלאַנגט נאָכן צעוואַרפן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט, און האָט געליינט „צאַרגאָלאָד”! מיט כעס פאַנאַנדערגעוויקלט אַ צעקנייטשט שטיקל פאַפיר... און אויסגעשריגן מיט אַ פריי־דיקן נצחון — פראַק־לאַ—מאַ—ציאַ!... קום! שידאָווסקאַיאַ קאַנאַליע!...

— דאָס איז מיינס! — נעמט מיך, האָט זיך מאירל געריסן אין צימער.

„מאָלטשאַט”! — האָט דער אָפיציר געשריגן „ני סלאָוואַ! — ווען מען איך געפין פאַר שולדיק, וועל איך נעמען, דיין צייט וועט אויך קומען!... טו זיך אָן און קום!

רבי חיים האָט אָנגעטון דעם ארבע־כנפות און געקוקט מיט הכנעה אויפן רעוואָלווער, ווי געפינענדיק זיך מיט אים היימישער... ווי איינער: זאָגט אַ פרומען יידן אין וואָס מען איז חושד... נאָר דער אָפיציר האָט פאַרשטאַנען זיין קוק און האָט געהעכערט זיין שטים „אַלע זייט איר רעוואָלוציאָנערן! אַלע, אַלע זשידעס, שיסן הענגען אַלעמען, אַלעמען”! די אַלטע האָט געבעטן, געוויינט. רבי חיים האָט איר געטרייסט „גם זו לטובה”... האָפנדיק, אַז די אַלטע פאַרשטייט דעם נס, וואָס מען האָט דאָס ביי אים געפונען נישט ביי מאירלען און געוויס וועט מען אים אינדערפרי באַפרייען.

—טאַטע נישט שרעק זיך—האָט אים מאירל נאָכגעשריגן,—איך וועל גאַנץ פרי לויפן וווהין מען באַדאַרף... נאָר ווי קומט דאָס צו דיר אונטערן קישן?...

רבי חיים האָט אים נישט געענטפערט און האָט זיך גענו־מען בעטן מען זאָל אים דערלויבן זאָגן עטלעכע זייער נייטיקע ווערטער זיין זון...

— רייד אויף רוסיש — האָט מסכּים געווען דער אָפיציר.

— מאירל!—האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטים געווענדט זיך צום זון — איך בין דיר אַלץ מוחל. גם זו לטובה... איך בין נישט קיין סאָציאַליסט שווער איך ביי גאָט. און מען וועט מיך נישט פאַרמשפּטן... איך בעט דיך דו זאָלסט מיר צוזאָגן אַז אויב איך וועל נישט באַפרייט ווערן אַזוי גיך, זאָלסטו נישט אָנטון דער מאַמען קיין עגמת־נפש און זאָלסט זיצן אין סוכּה, שווער מיר!

— איך שווער! האָט מאירל דערשראָקן און צעמישט געענטפערט.

דער אָפיציר האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון „מאַרש! און אַלע מיט רבי חיימען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטוב...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רבי חיים איז אַדמיניסטראַטיוו פאַרמשפּט אויף אַ חודש פּאַוויאַק. ער דאַנקט גאָט פאַר זיין חסד... ער טראַכט — ערגער, ווען מען וואָלט דאָס געפונען ביי מאירלען, חלילה... אַ חודש זיצן איז גאָר־נישט. עס איז אַ גאָרנישט און מען מוז אַלץ מקבל־באהבה זיין ע"פ דין... ווער פאַרשטייט זיינע מעשים?... דער וועכטער פון פּאַוויאַק האָט אים געזאָגט, אַז מען וועט אים לאָזן גיין דאַווענען מאָרגן פרי מיט די קרימינעלע אין דער דאַווען־שטוב דאָ הגם ער איז אַ פּאָליטישער פאַרברעכער... נעכטן איז געווען אייער ראַבין. און האָט געגעבן דעם אויפזעער פון טורמע אַ גרויסן לימאָן מיט אַ לאַנג גריןביימל וואָס פיל יידן האָבן גע־טראָגן אין גאַס...

ער דאַנקט מיט שמחה דעם וועכטער פאַר דער בשורה טובה און טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און געדאַנקט דעם אבֿ־הרחמים פאַר דעם נס וואָס ער וועט אים קאָנען דינען סוכּות אויך און טורמע מיט אַן אתרג און לולב ובצבור... ער וואָלט זיך אין

גאַנצן באַרויִקט ווען ער וואָלט געוועזן זיכער אַז מאירל וועט זיין שבועה האַלטן און זיצן אין סוכּה, ווער ווייסט?...

פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן, און אים האָט זיך געחלומט ווי די אַלטע שטייט נעבן טיש אין סכה און מאירלס שטים ביים קדוש קלינגט הויך. מען זינגט צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, בערלס קינדער העלפן, מען איז מכבד מאירלען מיט בענטשן. ער הערט „ברשות אבי מורי"... און דער וועכטער וועקט אים צום דאַווענען, און מעלדעט אים אויך, אַז זיין אַלטע האָט אים געבראַכט עסן, ס'איז יעצט די סווידאַניע...

דער וועכטער האָט אים געפירט דורך אַ קאָרידאָר, ווו ער האָט דערזען פון ווייטן זיין אַלטע...

— שרה'!—האָט ער אויסגעשריגן,—געלויבט איז גאָט! מען דאַוונט דאָ מיט אַ מנין... דערציייל בערלען און דעם ווירט. אַ אתרג מיט אַ לולב איז אויך דאָ. מאירל איז נעכטן אָוונט געזעסן אין סוכּה?—האָט ער געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— געזעסן, געזעסן, גע-זע-סן,—האָט זי געשטאַמלט... מיר זענעןביידע געזעסן אין סכה, ער האָט געוויינט, אַז איבער אים זיצט אין טורמע...

— איך איייל צום דאַווענען. ס'איז דאָס ערשטע יומטוב'דיקע דאַווענען. גיי געזונטערהייט, אַ פריילעכן יום-טוב, פאַרשטער נישט דעם יום-טוב. מען טאָר נישט...—האָט ער געשריגן גייענדיק.

ער איז אַריין אין אַ צימער וועלכעס איז געווען פול מיט אַרעסטאַנטן, ס'האָבן אים באַגעגנט אָנצייליקע פריידן-געשרייען.

— דאַכט זיך רבי חיים? גוט יום-טוב! וואָס טוט איר דאָ?!— שרייט שלומקע גנב.

— איר זייט געשיקט פון ראַבינאַט?... — פרעגט אַ צווייטער און אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט.

— איך בין אַ סאָציאַליסט און זיץ אין פּאַוויאַק...—שמייכלט רבי חיים „בענטשט אתרג רבי חיים! זייט אונזער בעל-קריאה, אונדזער חזן, מיר וועלן זאָגן לחיים נאָכן דאַווענען דער „סמאָטריטעל" האָט דערלויבט... מיר וועלן היינט מאַכן שמחת-תורה!... אוי ברידער געלעבט! גאָט לעבט ווי איך בין אַ ייד, און פאַר-

לאָזט נישט זייבע יידן... מיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער חסיד מיין מאַמע זאָל מיר אַזוי לעבן, אַ ווילע ערלעכע יידענע. זי האָט נישט געוואָלט איך זאָל חתונה האָבן מיט דער געלער נקבה. גאָט האָט מיך געשטראָפט נישט געפאָלגט דער מאַמען...— האָט געשריגן מיט באַגייסטערונג שלומקע גנב. —„גאָט האָט אייך אַזוי געשיקט...

מען האָט דערלאַנגט דעם אתרג מיטן לולב רבי חיימען. ער האָט גענומען דעם אתרג אין איין האַנט דעם לולב אין דער צווייטער. אוויל פארקלערט זיך, זיין געזיכט איז אומעטיק בלאַס געוואָרן. אַלע זענען שטיל געוואָרן, אָנגעשטעלט די אויערן הערן רבי חיימס ברכה און רבי חיים האָט געשעפטשעט פאַר זיך, ווי פאַרגעסנדיק וועגן די אַרומיקע... „וואָרום האָב איך נישט גענומען גאָך אַ שבועה ביי מאירלען. ער זאָל אתרג בנטשן" !?

אין שול...

1909

די שול איז העל באַלויכטן. אַ הייליקע שטילקייט שוועבט איבערן גאַנצן עולם, וואָס פילט אָן די שול. דער חזן שטייט שוין נעבן עמוד אין ווייסן געקליידט. אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צו אים מיט אויפמערקזאַמקייט; עס הערט זיך דער טרויעריקער „כל נדרי", און אַלעמענס בליקן פאַרטיפן זיך אין די מחזורים.

נעבן איינע פון די נאָענטע בענק צום עמוד שטייט אַ שטודענט מיט אַ בלאַס געזיכט, די אויגן שטאַרצן, ווי זיי זוכן וואָס עס איז שווער צו געפינען... און אין האַנט האַלט ער אַ מחזור, און מיט דער צווייטער שפּאַרט ער אונטער דעם קאָפּ...

אין די געדאַנקען גייען פאַר אים בילדער איינס נאָכן אַנדערן.

דער ערשטער טאָג פון זיין חדר גיין, דעם טאַטנס ערנסטע שטים קלינגט אים אין די אויערן: „קינד מיינס, פון דער רגע אָן ווערסטו אַ ייד פון גאַנס תורה"!... די מאַמעס בלאַס געזיכט שיינט פון שמחה.

דאָס בילד פאַרשווינד, און אַ צווייטס דערשיינט:

אַ פולע שטוב מיט יידן און יידענעס. דער רב זיצט אויבן-אָן. ער, (נאָך אַ קליין יינגל) שטייט און דרשנט. יידן פרייען זיך מיט זיין בר-מצוה, טאַטע-מאַמע זענען איבערגליקלעך, דער אַלטער רב בענטשט אים: „אַן ערלעכער ייד זאָלסטו זיין מיין קינד", דער גאַנצער עולם ענטפערט: אמן!

עס הערט זיך הויך דעס חזנס שטים, וועלכע קלינגט איבער דער גאַנצער שול און רייסט אים איבער זיינע מחשבות.

— מיום כפּורים זה!...

ער באַטראַכט די גאַנצע שול. זיינע אויגן זעען שטודענטן חברים. זיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט זייערע, אים דוכט זיך, אַז זיי פרעגן אים: מיום כפּורים זה?!...

די געדאַנקען פאַרטראָגן אים ווייט פון דאַנען. אָ, וואָסערע מחשבות!...

עטלעכע מאָל געהאַלטן עקזאַמען, יעדעס מאָל אין צוויי, דריי גימנאַזיעס, מיט איבערנאַטירלעכע קונצן און שרעק... יעדעס מאָל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און קיין אָרט איז נישטא ביז ער האָט פאַרלוירן די האָפנונג...

און עס הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה פון צרות און פאַרדרוס, פון עקסטערנען-לעבן. פון לערנען זיך, פון לערנען דעם צווייטן.

דעם עקזאַמען צום אוניווערזיטעט האָט ער גליקלעך אויסגעהאַלטן דאָ, אין פּעטערבורג... א שמערצלעכער שמייכל ווייזט זיך אויף זיין געזיכט. דערינערנדיק זיך, מיט וואָס פאַר אַ שמחה ער האָט געשריבן צו זיינע עלטערן אין דער טעלעגראַמע דאָס וואָרט „ווידערזשאַל!" נאָר גלייך פאַרציט זיין געזיכט אַ שוואַרצע כמאַרע: עטלעכע חדשים זענען ערשט אַריבער און אָ, וואָס פאַר אַ פאַרענדערונג!... אַן אייביקייט האָט ער דורכגעלעבט... אַן אייביקייט פון אויסערלעכע ליידן, פאַרדרוס, אינערלעכע שמערצן און געוויסנביסן...

נאָך עטלעכע יאָר פון צרות און זאָרג, וועלכע האָבן גערויבט זיין יוגנט, וועלכע האָבן אים אַלט געמאַכט, איידער ער איז יונג געווען, נאָך עטלעכע יאָר, וועלכע עס האָבן זיינע נערוון צעשטערט, זיין קאָפּ און האַרץ מיט פאַרצווייפלונג און שנאה צו דער גאַנצער וועלט פאַרגיפט, איז דער אריינגאַנג אין אוניווערזיטעט אים פאַרבאָטן, ווייל... ווייל ער איז אַ ייד.

ער דערמאָנט זיך ווי וואַנזיניק ער האָט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ געשלאָגן און וויינענדיק געשריען, פאַר וואָס, פאַר ווען?!... אַז אַלע שטוביקע האָבן מיט אים מיטגעוויינט...

פאַר זיינע אויגן שטייט אים דאָס לעצטע בילד: דער

שרעקלעכער קאַמף מיט זיין חבר „גרינמאַן" און מיט זיינע אייגענע געפילן... גרינמאַן האָט אים אויפגעוויזן, און האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן אים, אַז די עקזיסטענץ שטייגט איבער אַלע זאַכן... [illegible] בכלל, ווען דער שטאַרקערער איז בכוח צו דערשטיקן מיך ווי אַ פליג, מוז איך אָנשטרענגען אַלע מיינע כוחות, אַלע מיינע מיטלען נישט דערשטיקט צו ווערן... ביז „גרינמאַן" האָט אים גובר געווען. און אויף מאָרגן איז ער געוואָרן אַ שטודענט פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט...

נאָר פון דער ערשטער רגע זייט זיין גליק איז געקומען, זייט ער האָט פון די עלטערן אַ „מזל-טוב" דערהאַלטן פאַר זיין אָנקומען אין אוניווערזיטעט, איז די גאַנצע וועלט אויסגעשטאָרבן פאַר אים. ער דערווייטערט זיך פון מענטשן און פון זיך אַליין, ער לערנט זיך און לעזט, און ווען די געדאַנקען מוטשען אים איבערנאַטירלעך, פאַרטרינקט ער זיי... און שיכורערהייט פאַלט ער צום בעט, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט...

ערב „ראש-השנה" האָט ער דערהאַלטן אַ „לשנה-טובה" פון פאָטער און אַ „פעקעלע" מיט אַ מחזור.

ער כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף, בלעטערט דעם מחזור און געפינט אָנגעשריבן מיטן טאַטנס האַנטשריפט אויפן ערשטן בלעטל אין העברעיש:

„טייערער דוד!

איך שיק דיר אַ מחזור, אין דער גויִשער גרויסער וועלט. נישט פאַרגעס, מיין זון, אונדזער איינציקן גאָט, וועלכער האָט מיט דיר אַזאַ נס געטון... זיי מקיים די מצווה פון כבוד אָב און גיי אין שול ראש-השנה און „יום-כפור". נישט פאַרגעס, אַז דו ביסט אַ ייד און בעט ביי גאָט אַ גוט יאָר מיט אַלע יידן צוזאַמען.

„דיין פאָטער וועלכער ווינטשט דיר אַ כתיבה וחתימה טובה.

„יצחק בן לאדונו מורי אבי הרב דוד זצ"ל".

„דער זכות פון דיין זיידן, דעם צדיק, זאָל דיר ביישטיין, נאָך וועלכן דו ביסט אַ נאָמען... אביך הנ"ל".

אַ שוידער נעמט אים דורך אַלע גלידער, ער זעצט זיך, ער זאָל נישט פאַלן...

ראש-השנה, דערמאָנט ער זיך, האָט דער דאָזיקער אויפ-שריפט אים אין קאָפּ דערוועקט אַ גאַנצן פלאָנטער פון געדאַנ-קען און דערציערונגען וועגן זיין היים... באַזונדער האָט אים געמאָטערט זיין טאַטנס מעשיות, וועגן רבי אמנונען, וועלכן מען האָט אָנגעטון די ערגסטע יסורים, און ער איז דאָך אַ ייד גע-בליבן... אַ ייד ביזן טויט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אים געחלומט וועגן דעם.

אין חלום האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי מען האָט דעם פאַרמוטשעטן רבי אמנונען אין ווייטאָק געבראַכט אין בית-המדרש, און דאָן האָט רבי אַמנון איבערגעגעבן די שרעקלעכע ווערטער פון „ונתנה-תוקף”.

אויפכאַפנדיק זיך נאָך האַלבע נאַכט האָט ער נאָכן איינ-שלאָפן ווידער געזען אין חלום ווי רבי אמנון אָן הענט און פיס, און נאָך יידן מיט לאַנגע גראָע בערד, פאַרבלוטיקטע מיט אָפגעשניטענע אברים אין קיטלען און תכריכים פליען אין דער לופטן... מלאכים רינגלען זיי אַרום. פייגעלעך פליען נאָך זיי מיט יראת-הכבוד. די גאַנצע נאַטור איז טויט שטיל. און אַלץ צוזאַמען זאָגט שירה... עס הערט זיך אַן אַלגעמיינע שטים מיטן ימים-נוראימדיקן ניגון: „עשה למען טבוחים על יחודך”!... „עשה למען הרוגים אל שם קדשך!”... און מיט „שמע ישראל ד' אלהינו ד' אחד!” „אחד!” „אחד!” „אחד!”. פליען זיי הויך, הויך! ביזן הימל... און פלוצלינג גיבן זיי אַלע אַ שטויס זיין פאָטער, וועלכער געפינט זיך נעבן רבי אמנונען... פון דער הויך מיט אַ דונער-געשריי „צום זון דעם משומד. אויף דער ערד!” עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ, די גאַנצע ערד ציטערט, און פון קלאַפּ כאַפּט ער זיך אויף...

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געפיבערט פון דעם שרעקלעכן חלום...

צומאָרגנס — אויפן צווייטן טאָג „ראש-השנה” — איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ טיפער נאָגעניש אין ברוסט. אַ פיינלעכער

געדאנק האָט אים געמאַטערט. אַ שווערע שולד האָט ער אויף זיך געפילט. גלייך ווי ער וואָלט אַ מענטשן געטייט...

אַ געהיימע קראַפט האָט אים דאַן אין שול געצויגן, נאָר אויפן וועג איז — ווי פון דער ערד אויסגעוואקסן — אים אַנטקעגן געקומען זיינער אַ באַקאַנטער קריסט, אומאַרעמדיק אים מיט די ווערטער:

— געוויס גייסטו דאַוויד איסאַקאָוויטש אין קלויסטער צו דער חופּה פון אונדזער פרייד זאַכאַן?

און איידער ער האָט צוזאַמענגעקליבן זיינע פאַרלוירענע געדאַנקען, איז ער שוין אין קאַרעטע געזעסן און אין אייניקע מינוט אַרום, איז ער אין קלויסטער געשטאַנען ווי צעדולט און פאַרשטיינערט...

דעם פּאַפּס זינגען האָט אים דערמאַנט פיל יידישע תּפילות אפילו די וועלכע ער האָט לאַנג פאַרגעסן. די געדאַנקען האָבן אים פאַרטראָגן אין שול פון זיין שטעטל... דאָס גאַנצע הייליקע פּורכטלעכע בילד פון ראש־השנה אין שטעטל איז אים פאַר די אויגן געשטאַנען... הערנדיק דעם פּאַפּס שטים, האָט אים אין די אויערן געקלונגען די ווערטער פונם פאָלקס־לידל:

„און ווי הויך ס'זאָל נישט זינגען דער פּאַפּ.
באַמבלט זיך אים אַלץ כּל־נדרי אין קאָפּ"...

די געדאַנקען פאַרלאָזן אים. ער הערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. די כּוחות ווערן אים שוואַכער... פאַר די אויגן ווערט אים פינצטערער...

— —

אין שול איז געוואָרן אַ טומל. דער חזן איז שטיל געוואָרן.

— וואָס איז געשען?

— געחלשט.

— אַ שטודענט האָט געחלשט!...

— גיכער קאַלט וואַסער! וואַסער!

אייניקע האָבן געשפּריצט וואַסער אויף זיין געזיכט. אייבער האָט אַראָפּגענומען דעם קראַגן און קראַוואַט פון האַלדז.

און טרייסלענדיק אים איז פון זיין טאַש אַרויסגעפאַלן אַ בליש־צענדיקע זאַך... און אויפהייבנדיק עס האָט דער עולם דערזען אַ גאָלדענעם צלם... מיט אויסגעקריצטע בוכשטאַבן אין רוסיש:

„דעם נייען גלייביקן אין אונדזער הייליקער פּראַוואָסלאַווּנער אמונה דאַווייד איסאַקאָוויטש. צום טאָג פון זיין טויפן זיך אין דעם הייליקן וואַסער פון זיין טויף־פאָטער קופּריי איוואַנאָוויטש“.

על הנסים...

1904

אַרײנקומענדיק אין גרויסן צימער צום ערשטן מאָל, הערט מען דערשטוינט פון דעם שרעקלעכן בילד וואָס עס שטעלט פאָר.

אינמיטן צימער שטייט אַ גרויסער טיש, אַרום אים שטולן פון פאַרשידענע מינים, צווײ קאַנטיק ווײך - אויסגעבעטע באַצויגן מיט פּלויש, די זײטיקע הענטלעך אָפּגעבראָכן, רעכטס אַ גרויסע ספרים-שאַנק מיט אויסגעהאַקטע שויבן. דורך די גרויסע לעכער זעען זיך נישט קיין ספרים, נאָר ווו נישט ווו, ערגעץ אין אַ ווינקל פון די גרויסע וואַנט-ברעטער שטייט אַן אַלט צעריסן ספר ווי אַן עלנטער יתום... לינקס, אַקעגן, אַ גרויסער צעבראָכענער שפּיגל, אינמיטן צווײ פענצטער אַ צעבראָכענע פּיאַנינע, אויף די ווענט גרויסע און קלײנע בילדער, די שויבן צעבראָכן, די בילדער צעשעדיקט.

איין בילד ציט צו זיך די אויפמערקזאַמקייט, ווען מען קומט אַרײן אין צימער. דאָס אײל-בילד, וועלכעס איז מיט עטלעכע לעכער, ווײזט אונדז אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ שײן רונד געזיכט, שוואַרצע לאָקן, אויגן שוואַרצע קוקן בילד און דערבײ קלוג-ערנסט.

עס הערשט אין צימער אַ טויטע שטילקייט געשטערט נאָר פונם קלאַפּן פון וואַנט-זייגער און דעם אַלטנס הוסטן, וועלכער גייט הין-און-צוריק איבערן צימער, קוקנדיק אַלע ווײל אין פענצטער מיט אומגעדולד. אָפט שטעלט ער זיך אָפּ נעבן בילד און שטייענדיק עטלעכע מינוט אָן אַ באַוועגונג ווי פאַרשטיינערט, הערט זיך פון זײנע ליפּן אַ שעפּטשען ווי אַ תפלה, און גלײך

פאַרלאָזט ער זיין אָרט מיט געוואַלט און עס הערט זיך פון זיין מויל אַ הויכע קללה. ער גייט צו נערוועזע מיט שנעלע טריט ווידער צום פענצטער, גייט אָפּ צו דער מזרח־וואַנט, דאַוונט שטיל, צרגסט און פלוצים הערן זיך הויכע געצויגענע ווערטער, מיט אַ פאַרצווייפלטער האַלב־וויינענדיקער שטים:

„ומלכות הרשעה מהרה תעקר ותשבר ותמגר ותכניע במהרה בימנו".

ער הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויפן בילד, און גלייך ענדיקנדיק דאָס דאַוונען גייט ער האַסטיק צו צום פענצטער, קוקט אויפן זייגער, און ווי נאָך א שווערער אַרבעט אַ מידער זעצט ער זיך נעבן טיש דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט.

פאַרשידענע זכרונות פון צענדליקער יאָרן יאָגן איינער דעם צווייטן. די גרויסע זיפצן וועלכע גייען אַרויס פון זיין האַרץ צעמישן זיך מיטן טיק—טאַק פון גרויסן וואַנט־זייגער, וועלכע מאַכן נאָך שרעקלעכער די איינזאַמקייט און שרעק פון גרויסן צימער.

ווי אַ זיסער חלום דערמאָנען זיך אים זיינע „מאָסקווער יאָרן" — ווי ער רופט זיי. צוואַנציק יאָר איז ער געווען אַ מאָסקווער באַוווסטער בריליאַנטן־סוחר. ער האָט דורך זיין פעיקייט דערוואָרבן אַ גרויסן קאַפּיטאַל און צוגלייך א גרויסן נאָמען דורך זיין אָרענטלעכן באַגיין זיך מיט מענטשן. די קינדער האָט ער דערצויגן באמת צו גאָט און צו לייטן. דער עלטערער זון האָט געענדיקט דאָקטאָר, און איז געווען באַליבט ביי יידן און קריסטן פאַר זיין גוט האַרץ און געזונטן פאַרשטאַנד.

זיינע אויגן פאַרגאָסענע מיט טרערן זוכן אין אַלע זייטן מיט שרעק איבערן גאַנצן צימער און שטעלן זיך אָפּ אויפן בילד. אַ לאַנגע צייט קוקט ער ווי פאַרשטיינערט און פלוצלינג רייסט ער זיי אָפּ מיט אָנגעשטרענגטן כוח און פאַרטיפט זיך ווידער אין זיינע זכרונות.

דער ערשטער שרעקלעכער קלאַפּ, קלאַפּט יעצט אין זיין קאָפּ ווי האַמערס. פון אַ באַוווסטן אָרנטלעכן סוחר, ווערט ער

אָנערקענט פאָ־זאַקאָנו פאַר אַ זינדיקן פאַרברעכער. די הייליקע מאָסקווער ערד, וועלכע ער האָט מיט קיין זאַך נישט באַפלעקט, נאָר שטענדיק גוטס געטון קאַן אים נישט פאַרטראָגן. קיין אַד־וואָקאַטן, קיין מעשים־טובים זענען נישט בכוח זיין שרעקלעכן חטא צו פאַרלייכטערן.

— דו ביסט אַ שרעקלעכער פאַרברעכער, פאָטער! — הערט ער ווי יעצט, זיין זונס שטים — דו ביסט אַ ייד! און איך דיין זון, וועל זיך נישט באַנוצן מיט דער מילדער הנחה פאַר מיר, אַז איך מעג בלייבן אין דער שטאָט פון וועלכע מען טרייבט דיך אַרויס.

א שוידער גייט אים דורך אַלע גלידער, ווען עס שטעלט זיך אים פאַר די אָפּרייזע־שעה מיט נאָך פיל „זינדיקע" פאַמיליעס, וועלכע האָבן פיל יאָרן געלעבט אין דער „הייליקער" שטאָט אָרנטלעך, בשלום־ושלוה.

די פיל־שעהדיקע רייזע פון מאָסקווע ביז קישינעוו איז מען געפאָרן אין די געפּאַקטע וואַגאָנען ווי אבלים, פאַרשעמטע און אומשולדיק באַליידיקטע.

זייער אין אַ קורצער צייט האָט ער אויך דאָ אין קישינעוו זיין נאָמען דערוואָרבן מיט זיינע גוטע מעשים. דאָס געשעפט איז אַוועק מיט הצלחה. פון דעם זון, דעם דאָקטאָר, האָט ער פיל נחת, אויסער די רייכע פּראַקטיק פאַרגעמט ער זיך פיל מיט כלל זאַכן. דער צווייטער זון שטודירט יורי, זיין איינציקע טאָכטער האָט געענדיקט גימנאַזיום מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און איז אַ זעלטענע שיינהייט. זיין הויז רעכנט זיך אין קישיניעוו פון די ערשטע הייזער, וואָס עס איז באַוווסט בחכמה, בדעת און צדקה און ער איז אַן אמתער שמח־בחלקו. — — — — — — —

„להשמיד להרג ולאבד את היהודים" — איז דאָ אַ געהיימער פּריקאַז. הערט ער, שיכּורע שטימען, וועלכע ברעכן זיין פאַרמעגן און רייסן זיין גוטס, מיט פיל געלט האָט ער אויס־געקויפט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע נפשות פון די אָנ־גערייצטע מענטשן־חיות.

ער ווענדט זיין בליק אויף דעם בילד פון זיין זון. און

אַ שוידער גיט זיין גאַנצער קערפּער דערמאַנענדיק זיך ווי מען האָט זיין זון, דעם דאָקטאָר געבראַכט מיט אַ דורכגעלעכערט האַרץ פון אַ קויל, וואָס ס׳האָט אים געשאָסן אַ כוליגאַן, ווען ער האָט אין גאַס פאַרטיידיקט אַ שוצלאָזע פרוי פון דער באַנ־דע כוליגאַנעס. ער כליפּעט שטיל מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מיין טייער קינד, מיין שרעקלעכער קרבן.

די טרערן מאַכן אים לייכטער, נאָר די זכרונות לאָזן אים נישט אָפּ.

די טאָכטער נאָך איר אָפּזיצן דריי חדשים אין אָסטראָג פאַר איר אָנטיילנעמען אין אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, קושט אים די הענט און בעט זיין דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס בלוטיקע לאַנד און פאָרן נאָך אויסלאַנד שטודירן. ער גיט איר זיין ברכה און צעשיידט זיך מיט זיין ליבער בת־יחידה און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג?!

עס דויערט נישט לאַנג און ער זעגנט זיך מיט זיין צווייטן לעבעדיקן זון, דער געוועזענער בן־יחיד, מיט זיין בן־זקונים, וועלכער איז געצוווּנגען אַנטלויפן אַלע פּאָליטישער פאַרברעכער.

די שוויגער־טאָכטער, דאָס ווייב פון זיין אומגעקומענעם זון בשעת דעם פּאָגראָם, איז פון זינען אַראָפּ און געפינט זיך אין אַנשטאַלט פון גייסטיק־קראַנקע. זיינע צוויי אייניקלעך, די יתומים אין עלטער פון אַכט און צען יאָר זענען ביי אים. די אַלטע איז נאָך דעם לעצטנס קינד אָפּפאָרן פּאַראַליזירט געוואָרן אויף ביידע פיס. זיין געשעפט פירט אַן אָנגעשטעלטער, אַן אָרנטלע־כער מענטש און ער איז זיך עוסק אין כלל־זאַכן און האָפט אויף אַ נס פון דעם רחום־וחנון, אַז ער וועט זיך נאָך זען מיט די אויסגעוואַנדערטע אַנטלאָפענע קינדער.

די אייניקלעך זענען צוויי ליבע קינדערלעך, צוויי בריל־יאַנטן, וועלכע שיינען אין זיין פינצטער וועלטל ווי ער זאָגט אָפּט. אין זיינע ווערטער הערט זיך אַ טאָן פון פאַרצווייפלונג און האָפענונג צוזאַמען.

ער וואַרט יעצט אין עס־צימער אויף זייער קומען פון גימנאַזיום.

„זיי האָבן זיך גראָד חיינט פאַרשפּעטיקט" — רעדט ער צו זיך און קוקט אויפן זייגער.

פלוצלינג האָט זיך אויף זיין פאַרזאָרגט געזיכט באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל, דערהערנדיק אַ קלאַפּ אין דער טיר און דאָס קלינגענדיקע זיסע שטימעלע פון סאָניעטשקען, און איידער ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט וועלנדיק גיין אנטקעגן, איז שוין דאָס ליבע פריילעכע קינד געלעגן אין זיינע אָרעמס און האָט אים געקושט, ריידנדיק:

— דיעדושקא! סאלאָמאָנטשיק קומט באַלד, איך האָב אים געזען, ער איז שוין נאָענט פון שטוב.

אין גלייך איז סאָלאָמאָנטשיק אַריינגעלאָפן מיטן ראַניעץ אויפן מאַנטל און געקושט דעם אַלטן.

— קינדערלעך! — האָט דער אַלטער פריילעך גערעדט,— ציט אַראָפּ אייערע אויבער־מלבושים, איך וועל הייסן די באַבושקען אריינפירן און וועל בענטשן חנוכה־ליכט, איר ווייסט קינדערלעך, היינט איז דאָס ערשטע ליכטל!

— יאָ דיעדושקאַ! — האָט סאָניעטשקעס שטים געקלונגען — די באַבושקע האָט מיר נעכטן געזאָגט און האָט געוויינט. פאַרוואָס האָט די גוטע באַבאָטשקע געוויינט? און דו וועסט מיר געבן חנוכה־געלט, האָט די באַבאָטשקע געזאָגט.

— יאָ מיין טייער קינד! — האָט דער אַלטער מונטער געענטפערט קושנדיק איר קאָפּ.

די דינסט האָט אַריינגעפירט די אַלטע אויף אַ שטול מיט רעדלעך. די קינדער זענען צוגעלאָפן און הייס געקושט איר. דער אלטער איז צוגעגאַנגען צום חנוכה־לעמפל, מיט טרייסלענדיקע הענט האָט ער אָנגעהויבן גיסן בוימל אין לעמפל.

— דיעדושקאַ! איך וועל אַריינגיסן דעם בוימל, גיב מיר דאָס פלעשל, ביי דיר טרייסלען די הענט — האָט די קליינע געשריגן לויפנדיק צום אַלטן, נאָר צוגייענדיק איז זי געבליבן שטיין פאַרוונדערט און טרויעריק.

— דיעדושקא! ווו איז דאָס שיינע חנוכה־לעמפל, וועלכעס

איז געווען דעם פֿאַריקן חנוכּה? — האָט זי טרויעריק און מיט פֿאַרדרוס פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט.

— צעבראָכן מיין קינד. — האָט דער אַלטער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע געענטפֿערט.

— דיעדושקאַ! דו וועסט אונדז אויך דערציילן אַזאַ שיינע מעשה ווי דער פּאַפּאָטשקע האָט אונדז פֿאַריאָרן דערציילט?

— יאָ מיין טאָכטערל. — האָט דער אַלטער מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים געענטפֿערט — איך וועל אָפּבענטשן חנוכּה־ליכט און נאָכדעם וועל איך דערציילן.

— דיעדושקאַ! — האָט זי אויסגעשריגן, — זע ליבנקער דיעדושקאַ!—האָט זי געוויזן אויפֿן בילד—זע באַבאָטשקע! זע סאַלאָמאָנטשיק! זעט ווי דער פּאַפּאָטשקע קוקט, וויאַזוי דער דיעדושקע בענטש חנוכּה־ליכט. פּאַפּאָטשקע! פּאַפּענקאַ! — האָט זי געשריגן, אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שטול, און געקושט דאָס בילד — פּאַפּענקע! פּאַפּענקע, הער חנוכּה־ליכט בענטשן!

— דיעדושקאַ! — האָט זי געשריגן וויינענדיק אַראָפּגעשפּרונגען פֿון שטול, און צוגעלאָפֿן צום אַלטן, געכאַפּט אים פֿאַר ביידע הענט — דיעדושקאַ! זאָג מיר פֿאַרוואָס האָט מען מיין גוטן פּאַפּענקע געהרגעט? פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?! — האָט זי געוויינט קריכנדיק דעם אַלטן אויפֿן האַלדז.

— טאָכטערל מיינס! הער חנוכּה־ליכט בענטשן, אָט בענטש איך שוין — און ער האַט תּיכּף אָפּגעזונגען די ברכות. און עס איז קענטיק געווען אויף זיין מיד געזיכט, ווי אַ שווערער שטיין איז פֿון זיין האַרץ אַראָפּ.

— וואָס איז דאָס נסים, דיעדושקאַ, וואָס דו האָסט געזאָגט אין די הייליקע ברכות פֿון חנוכּה־ליכט בענטשן? די באַבאָטשקע זאָגט אויך אָפֿט דאָסזעלבע וואָרט, גאָט האָט געטון נסים, אַזי וואָסערע נסים? קליינע נסים, גרויסע נסים, זאָג ליבינקער וואָס איז דאָס?

— נסים איז וווּנדער טאָכטערקע. גאָט תאָט באַוויזן גרויסע וווּנדער צו די יידן, ווען דער שונא די רשעים האָבן אונדז גע־

וואָלט הרגענען און האָט אונדז געטון נסים און מיר דאַנקען אים דערפאַר.

— נסים הייסט וווּנדער, דיעדושקאַ! גאָט ווייזט ווונדער און טוט אונדז גוטס?

— יאָ מיין טייער קינד!

— נישט אמת! — האָט דאָס קינד פּראָטעסטירט ביטער — אַז גויים האָבן געהרגעט דעם טייערן גוטן פּאַפּאָטשקען, איז דאָס נסים? און גאָט האָט גוטס געטון? און דער גאָט איז אַ גוטער? אַזוי זאָגסטו שטענדיק! איך געדענק ווען איך בין געלעגן נעבן מיין געהרגעטן פּאַפּאָטשקע און האָב געוויינט, איז אַריינגעלאָפן חיה די קעכין אונדזערע, זי האָט געוויינט און גערעדט: אַי וואָסערע נסים! אַי וואָסערע נסים! גאָט האָט געטון נסים, ער איז אַ גוטער און האָט געמאַכט נסים, מען זאָל הרגענען דעם פּאַפּאָטשקען און דו דאַנקסט אים דערפאַר? ניין! ער איז אַ שלעכטער! איך וועל נישט זאָגן קיין ברכות, איך וועל אים נישט דאַנקען.

— שרהלע מיין קינד! — האָט דער אַלטער געזעצט זיך און גענומען זי אויף די הענט, קושנדיק און גלעטנדיק איר קאָפּ האָט ער גערעדט: — חיה האָט געזאָגט, ס'איז נסים געשען, וואָס זיי האָבן דיך נישט געהרגעט. טאָכטער, היינט איז יום-טוב און מען טאָר קיין אומעטיקע זאַכן נישט ריידן. דער פּאַפּאָטשקע איז אין גן-עדן און אים איז גוט.

— דיעדושקאַ! און דער פּאַפּאַ וועט לעבעדיק ווערן?

— יאָ סאָניענקע! ער וועט לעבעדיק ווערן! ער וועט אויפשטיין תחית-המתים — האָט סאָלאָמאָנטשיק פריילעך געשריגן — אונדזער פּאַפּאָטשקע וועט לעבעדיק ווערן, אַז משיח וועט קומען וועלן אַלע שלעכטע גויים געהרגעט ווערן און אונדזער פּאַפּאָטשקע וועט לעבעדיק ווערן. אמת, דיעדושקאַ, אַזוי איז געשריבן אין די הייליקע ספרים?

— אמת מיין קינד, אמת! ס'וועט זיין תחית-המתים, אַלע טויטע וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים, אַזוי שרייבן די הייליקע ספרים.

— און דער גוי דער רשע, וועלכער עס האָט געהרגעט אונדזער פּאָפּאָטשקען וועט אויך געהרגעט ווערן? — האָט זי געפרעגט ערנסט.

— געוויס, געוויס! – האָט סאַלאָמאָנטשיק געשריגן מיט אַ פריידיקן נצחון. — אַלע, אַלע שלעכטע גויים וועלכע האָבן געהרגעט יידן וועלן געהרגעט ווערן און יענער גוי וועלכער האָט געהרגעט אונדזער פּאַפּענקען, וועט גאָט הרגענען. יידן אַליין קאָנען נישט הרגענען, מען טאָר נישט, און דער פּאַפּעטשקע וועט לעבעדיק ווערן. אמת, אמת סאָניטשקע! דו וועסט זען, גלייב סאָניעטשקע, גלייב.

— סאַלאָמאָן!– האָט זיך דער אַלטער געווענדט צו אים — דו ווייסט וואָס מען דאַרף זאָגן חנוכה אין שמונה־עשרה און אין בענטשן נאָכן עסן?

— על־הניסים דיעדושקאַ — האָט ער געענטפערט — דער לערער האָט מיר געזאָגט און דער פּאַפּאַ האָט מיר פאַריאָרן דערקלערט.

— איך וועל אייך זאָגן — האָט סאָניעטשקע געשריגן פריילעך,—פּאַרטייטש מיר דיעדושקאַ. אז דער פּאַפּאַ וועט לעבעדיק ווערן, וועט ער מיר ווידער דערציילן יום־טובדיקע מעשיות. אָ, וואָסערע שיינע מעשיות ער קאָן דערציילן און וועט ווידער זינגען שיינע לידער. אָ, ווי שיין דער פּאַפּאָטשקע זינגט, קיינער קאָן אַזוי שיין נישט זינגען. פּאַרטייטש דיעדושקאַ, פּאַרטייטש על־הנסים.

— על הנסים — האָט דער אַלטער אָנגעפאַנגען מיט אַ פארשטיקטער שטים.

— דיעדושקאַ! – האָט אים די קליינע איבערגעשלאָגן, חיה האָט געזאָגט נסים, ווען דער פּאַפּאָטשקע איז געלעגן אַ דערשאָסענער, און איך האָב געוויינט נעבן אים, אַז ס'איז נסים וואָס זיי האָבן מיך אויך נישט דערהרגעט.

— יאָ מיין קינד!

— פּאַרטייטש, פּאַרטייטש דיעדושקאַ!

— על הנסים ועל ה—ה—ה — דעם אַלטנס שטים איז

פאַרשטיקט געוואָרן און א גרויס געוויין האָט אַרויסגעפּלאַצט פון זיין האַרצן, אין וועלכן עס איז שוין קיין אָרט נישט געווען צו פאַרשטיקן אין זיך די איינגעהאַלטענע טרערן. די אַלטע האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין אַ קליין קישעלע, ס׳זאָל זיך נישט הערן איר קלאָגן, נאָר דאָס קישעלע איז געוועזן צו קליין אויך צו באַהאַלטען אין איר אַזאַ גרויסן קוואַל טרערן פון אַזא גרויס פאַרוואונדעט האַרץ.

— נישט וויין דיעדושקאַ, — האָט סאַלאָמאָן געבעטן כליפּנ־דיק.

— פאַרטייטש על הנסים דיעדושקאַ, פאַרטייטש! — האָט די קליינע געבעטן מיט פאַרדרוס.

— ועל הנסים — האָט דער אַלטער געפּרוווט זיך שטאַרקן אָנהייבנדיק.

נאָר עס האָט זיך ווידער געהערט איבערן צימער קלינגענ־דיקע ווערטער על־הנסים על ה—ה—ה--הנ... אבי—סל וואַ—סער... קינ—דער—לעך וואַ—טער, וואַ—סער.

אויס פּורים

1900

מיעטשיסלאַוו, לעדערמאַן. פון דער היים מאָטל פסח דעם שוסטערס, אָדער, מאַטקע אַחשורשס, וווינט אין וואַרשע אַן ערך צוואַנציק יאָר. שוין לאַנג אַז ער איז ווייט פון יידישער געזעלשאַפט, וווינען וווינט ער אויך אין אַ קריסטלעכער גאַס, און אים קימערט ווייניק די יידישע וועלט. דאָס וואָס ער ווייסט, ווייסט ער נאָר פון „קוריער וואַרשאַווסקי” און „גאָניעץ”... הגם ער איז אַ טשלאָנעק אין סינאַגאָגע און מען זעט אים יום־כּיפּור און צו יעדער הזכּרת-נשמות, דאָך ווען מען זאָל זיין ביי מיעטשיסלאַוון אַ קיילעכדיק יאָר אין שטוב, וועט מען נישט דערקענען און נישט וויסן אַז מען געפינט זיך אין אַ יידישער שטוב...

און וווּנדערלעך! איין מאָל אין יאָר ווערט ביים פאַן לעדערמאַן געפייערט אַ יידישער יום־טוב מיט דער גרעסטער פייערלעכקייט, און דער יום־טוב איז פּורים...

פיל באַקאַנטע יידישע מיעטשיסלאַווס און סטאַניסלאַווס. און פיל קריסטן זענען איינגעלאַדן אויף דעם פּורים־באַל, און דער בעל-הבית באַרימט זיך פאַר אַלע געסט מיט זיין פאָלק און מיט זיין יום-טוב פּורים...

וכטוב לבו ביין, דערציילט ער פאַר זיינע נישט יידישע געסט מיט באַגייסטערונג, ווי זיין פאָלק האָט געהאַט אַ אסתּרקען וועלכע איז געווען אַ קעניגין אין אַ פרעמדער מלוכה, אויף הונדערט און צוואַנציק לענדער, און איר קוזין מרדכי איז געווען דער פּרעמיער־מיניסטער.

איר פאַרשטייט, מיינע טייערע געסט?! אַזאַ אָנדענקונג

מוז מען פייערן, ס'איז שיין פראַכפול! — פלעגט ער ענדיקן מיט שטאָלץ...

און דער יידישער יום-טוב פורים האָט אַזוי צוגעצויגן דעם פאַן מיעטשיסלאַוו, פון דער היים מאָטל פסח דעם שוסטערס, אָדער מאָטקע אחשורשס... אַז ער איז פשוט אין דעם יום-טוב פאַרליבט געווען, און איז געוואָרן אַ שונא דעם יעניקן, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו פאַרקלענערן אין זיין געגנוואַרט די גרויסקייט פון דעם יום-טוב פורים, פונקט ווי יענער וואָלט ביי אים דאָס בעסטע פון זיין לעבן געוואָלט רויבן...

ווייט אין זיין שרייב-טיש איז באַהאַלטן אַ יידישער לוח און אין דעם טאָג פון קריסטלעכן ניי-יאָר. איז ביי אים אַ חוק קבוע אַריינצוקוקן אין אַ יידישן לוח, און פאַרצייכנען דעם טאָג פון פורים אויף אַ בלעטל פון פוילישן וואַנט-קאַלענדאַר מיט אַ צייכן בוכשטאַב פ. און ער וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם גאַוודיקן פאַרכישופטן יום-טוב אָוונט...

פיל יאָרן האָט זיך אַזוי מיעטשיסלאַוו געפייערט זיין געליבטן פורים-אָוונט אָן אַ זין און אָן אַ יידיש געפיל, גלאַט אַזוי ווי אַ מין פאַרכשופטע געוויינהייט, וואָס מיר באַגעגנען אָפט אין אונדזער וועלטל, און קאָנען נישט פאַרשטיין דעם סוד פון דער יידישער נשמה.

אייניקע, די וואָס קענען אים פון דער היים, פרוּוון דערקלערן די זאַך מיט דעם, אַז דער טאָג פורים איז געווען דער גליקלעכסטער אין זיינע קינדער-יאָרן, ווען ער פלעגט אַרומגיין מיט זיין טאַטן דעם שוסטער, אַלס פורימדיקער אחשורש מיט די פורים-שפילער, דערפילנדיק אַליין די ראָל פון ויזתא איבערן גאַנצן שטעדטל, און אַלע חברים פלעגן אים מקנא זיין די גוטע זאַכן וואָס ער פלעגט באַקומען אין די גבירישע הייזער. דער גליקלעכער טאָג איז געווען אַזוי איינגעקריצט אין זיין זכרון, די גרויסקייט פון דעם טאַטן דעם קעניג מיט זיין זינגען:

איך בין קעניג,
איבער 120 לענדער טו איך רעגירן —
אין מיין קעניגרייך

טו איך אלעמען פארן גאנז פירן.
אז דער טאג איז געבליבן טייער אפילו אין דער גרויסער רייד כער נישט יידישער וועלט.

נאר אזוי ווי אויף אזעלכע ענלעכע זאכן קומט א צייט, אזוי איז געקומען אזא מאמענט וועלכער איז געווען בכוח מאכן אן ענדע אויף אלעמאל מיט מיעטשיסלאוס איינציקן יידישן טאג. און דווקא אין אזא צייט, ווען ער האט געקאנט דורך א צופאל דערגענטערן זיך צו זיין פאלק. ומעשה שהיה כך היה:

פאר זיין בת-יחידה, האט א שדכן פארגעשלאגן א שידוך פון ביאליסטאק זייער א גוטן שידוך, געווען אפילו איין חסרון, דער מחותן איז א באוווסטער נאציאנאליסט. נאר די איבעריקע מעלות האבן איבערגעוואויגן דעם איין חסרון. און ס'האט געהאלטן ביים זעען זיך, און דא איז מיעטשיסלאוון איינגעפאלן א זעלטענער געדאנק, ער זאל דעם מחותן מיט דעם חתן איינלאדן אויף פורים. ער האט געבלעטערט דעם קאלענדאר און באַרעכנט. אז ס'איז קארגע צוויי וואכן צו פורים.

ער איז געווען באגייסטערט פון זיין קלוגן איינפאל, און איז אומגעגאנגען פאנטאזירנדיק, ווי דער מחותן וועט איבעראשט ווערן זעענדיק און הערנדיק פון די געסט, ווי פייערלעך ס'גייט צו דער פורים ביים פאן לעדערמאן. ער האט זיך געוווּנדערט און פארטראכט, ווען ער האט זיך געזעצט שרייבן דעם בריוו, און נאך א מאל אריינקוקנדיק אין יידישן לוח, האט ער דערזען, אז נעבן ווארט פורים איז דא נאך א ווארט קטן... און האט גערעדט צו זיך מיט פארביטערונג „ווי אומפארשעמט דער ארויסגעבער פון דעם לוח איז, פורים מאכט ער פאר א קליינעם יום-טוב. מער קויף איך נישט קיין לוח אין דעם געשעפט. ער האט געשריבן אין ביאליסטאק, אז ער בעט דעם מחותן מיט דעם חתן זאלן קומען אויף א זוּנג אויף פורים, און אויב דאס איז א באשערטע זאך, וועט דער שידוך באשלאסן ווערן מיט גליק אין יום-טוב טאג.

מיט אומגעדולד האט ער געציילט די טעג מיט די שעהן עטלעכע מאל אין טאג האט ער געבויגן די בלעטלעך אין קא-

לענדאַר פאַרזיכטיק צוליב איבערצייגונג און געקהאַלן פון דעם בוכשטאַב „פּ", וואָס ער האָט אָנגעצייכנט — ביז דער גליקלעכער טאָג איז געקומען. מען האָט צוגעגרייט אַן אָוונט פּיד-המלך נאָר ס׳איז שוין אָוונט, אַלע געסט האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט. אַלע ווייסן, אַז ער וואַרט אויף צוויי זייער חשובע געסט נישט פון הי. דער לעצטער צוג פון ב. איז שוין געקומען, און זיין עקיפּאַזש האָט זיך צוריקגעקערט אָן געסט.

מיט גרויס אויפרעגונג האָט ער נאָך אַ מאָל געלייענט דעם מחותנס בריוו, אַן ענטפער אויף זיין איינלאַדונג:

„מיך וווּנדערט זייער, וואָס איר לייגט אָפּ אונדזער צוזאַמענטרעפן זיך אויף אַזאַ לאַנגע צייט, נאָר ווייל איר שרייבט, אַז איר האָט זיך דערקונדיקט פון אייער ביאַליסטאָקער פריינט, אַז מיין זון איז זייער צוגעפּאַסט פאַר אייער טאָכטער, און דאָס זעלבע פון מיין זייט, נעם איך אָן אייער איינלאַדונג, און כ׳וועל קומען מיט מיין זון אויף פּורים."

— ווי געפעלט אייך אַ דרך פון אַ ליטוואַק? — האָט ער גערעדט צו זיך מיט אויפרעגונג, פאַרשטעלנדיק זיך ווי ער דערציילט זיינע טענות פאַר וועמען — ערשט צוויי וואָכן, ווי איך האָב אים דעם בריוו געשיקט, און ער פרעגט, פאַרוואָס איך לייג אָפּ אויף אַ לענגערע צייט?... און איך איצט, ווען ס׳האָט זיך וואָס געטראָפן, דעפּעשירט מען. אויס! אויס שידוך! וועלכער האָט מיר מיין פּורים פאַרשטערט...

פונקט אין אַ חודש אַרום, האָט ער דערהאַלטן אַ דעפּעשע מיט פאָלגענדיקן אינהאַלט:

„היינט צען פרי פאָרן מיר אַרויס, באַגעגנט, לערמאַן".

נאָכדעם וווּנדערן זיך און אויפרעגונג, און נאָכן באַרויקן אים פון זיין פרוי, איז ער אַליין געפאָרן צום וואָקזאַל, און נאָך די גאַנצע פאַרביטערטקייט האָט אים זייער קומען געפרייט.

נאָך דער ערשטער באַגריסונג, האָט פאַן לעדערמאַן זיך גישט געקאָנט איינהאַלטן און זייער איידל באַמערקט, וואָס אים

ווינדערט, און ער איז געצוווּנגען צו פרעגן די סיבה איבער וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט קומען אויף פורים. אָבער נאָך מער וווּנדערט אים, וואָס ער האָט נישט דערהאַלטן אין דעם גאַנצן חודש עטלעכע ווערטער.

דער פאָטער מיט דעם זון האָבן זיך איבערגעקוקט מיט גרויס דערשטוינונג נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, צום סוף האָט דער מחותּן זיך אָפּגערופן:

— אַנטשולדיקט הער לעדערמאַן, איר שפּאַסט, אָדער איר רעדט ערנסט?

— וואָס הייסט איך שפּאַס? דער שפּאַס האָט מיר פיל עגמת-נפש פאַראורזאַכט, ער האָט מיר מיין יוס-טוב צעשטערט...

— וואָסער יום-טוב? — האָט דער מחותּן מיט נאָך מער פאַרווונדערונג ווי אויסגעשריגן — ס'איז דאָך ערשט צוויי ביי-טאָג. איר שפּאַסט דאָך ה' לעדערמאַן!...

— וואָס הייסט איך שפּאַס? — האָט זיך שוין פאַן לעדערמאַן געהיצט און אַרויס פון געדולד, שוין ווייסט איר נישט ווען ס'איז געווען פורים? האָט איר דען קיין לוח נישט? — האָט ער באַטאָנט די ווערטער מיט גאווה — איר מאַכט חוזק פון מיר? וואָס טוט זיך דאָ?...

דער פאָטער מיט דעם זון האָבן זיך ווידער אָנגעקוקט, און נאָך אַ קורצן טראַכטן האָט זיך דער מחותּן פּלוצלינג געווענדט ערנסט צום היציקן פאַן לעדערמאַן.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, הער לעדערמאַן, ווען מיט אַ חודש צוריק איז געווען פורים, וואָס איז היינט?...

פאַרלירנדיק זיך פון אַזאַ אומדערוואַרטער פראַגע איז ער געבליבן ווי פאַרלירנדיק דעם לשון, און קומענדיק צו זיך האָט ער געענטפערט מיט אַ געצוווּנגענער רויִקייט און מיט אַ געמאַכטן שמייכל:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע, הער לערמאַן? און צו וואָס?... ווען מיט אַ חודש צוריק איז געווען דער ליבער פורים, איז היינט אַ חודש נאָך פורים אַן אויסטערלישע פראַגע...

יאָ אַן אויסטערלישע, זייער אַן אויסטערלישע פראַגע הער לעדערמאַן... און מער נישט?!...

— איך ווייס נישט... איך ווייס נישט צו וואָס דער עקזאַמען?... היינט איז אַ חודש נאָך פורים, און מער ווייס איך נישט...

— און איך ווייס יאָ, פשוט ווי די זאַך איז, און איך וועל אייך יאָ זאָגן, ווען מיט אַ חודש צוריק וואָלט געווען פורים, איז היינט ערב־פסח... און ווי לייגט זיך ביי אייך אויפן זינען אַז איך מיט מיין זון וועלן קומען צו אייך אין וואַרשע וועגן אַ זעונג ערב־פסח?!...

פאַן מיעטשיסלאַוו לעדערמאַן האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. ער האָט געקוקט ווי וואַנזיניק אַ מאָל אויפן פאָטער, אַ מאָל אויפן זון, נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, און וואָס צו טון... נאָר דער אַלטער האָט אים פון זיין קלערן אין פאַרצווייפלונג אַרויסגעפירט מיט אַ נייער פראַגע...

— אַנטשולדיקט הער לעדערמאַן, זאָגט מיר איך בעט אייך פון וואַנען האָט איר געוווסט מיט אַ חודש צוריק אַז ס'איז פורים?...

— ווי הייסט פון וואַנען? — האָט פאַן לעדערמאַן מיט דערמונטערונג און זיכער אויסגעשריגן — פון יידישן לוח!... האָט מיך ווי איך זע דער פאַרפלוכטער יידישער לוח גענאַרט... האָט דער טשעמני זשידעק געמאַכט מיט מיר אַ וויץ. איך וועל דעם שווינדלער אין געריכט אָנקלאָגן.

ביידע, דער פאָטער מיט דעם זון, האָבן נישט ווילנדיק אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געלעכטער, און דער פאָטער האָט אים מיט מיטלייד, זעענדיק זיין פאַרלוירנקייט דערקלערט; — הער לעדערמאַן! באַרויקט אייך, און באַשולדיקט נישט קיינעם, נישט דער יידישער לוח, נישט דער פאַרקויפער האָבן אייך גענאַרט. דאס יאָר איז אַן עבור יאָר ביי יידן, און פורים איז אין אָדר שני — אויפן בלעטל פון ערשטן אָדר איז געווען אָנגעשריבן פורים־קטן.

— „אמת”!—האָט אים לעדערמאַן איבערגעשלאָגן,—איך בין געווען אויפגערעגט וואָס דער אַרויסגעבער פון לוח האָט זיך

דערלויבט אַזאַ גרויסן שיינעם יום-טוב צובאַצייכנען מיט „קטן"?, און אי׳ פאַרשטייט דאָך נישט וועמענס שולד איז אין דעם"?.

— קיינעמס נישט ה׳ לעדערמאַן—האָט דער אַלטער שמערצלעך און ערנסט געענטפערט. דער לוח איז נישט שולדיק, און איך אויך נישט. איך בין געקומען פּונקט צו פּורים. שולדיק איז דער גלות ה׳ לעדערמאַן! אָבער דאָס מאָל נישט דער גוישער. נאָר דער יידישער... דער גלות-שבגלות פון אונדזער אינערלעך יידיש וועלטל. נאָר יעצט ה׳ לעדערמאַן צווינגט די לאַגע פאַרזעצן אונדזערע רעכנונגען, יעדער נאָך זיין קאָנען לערנען דעם יידישן לוח מיט זיינע יום-טובים. איר ליבער ה׳ לעדערמאַן פאָרט אַ היים און זעצט זיך צום סדר; נאָכן דין פון אייער קאָנען לערנען דעם לוח... און איך מיט מיין זון פאָרן מיט דעם באַלדיקן צוג צוריק נאָך ביאַליסטאָק, און מיר וועלן קומען פּונקט צו דער פּורימדיקער סעודה. און קיין מהותנים קאָנען מיר נישט זיין נאָכן רעכנונג פון יידישן לוח. אַדיע פאַרבלייבט געזונט...

עטלעכע מינוט איז ער געבליבן שטיין ווי אַ צעדולטער, רייבנדיק די אויגן און קלערנדיק אויב דאָס אַלץ איז פאַרגע־קומען אין חלום אָדער אויפן וואר... און פאָרנדיק איבער די רוישיקע גאַסן האָט אים געקלונגען דעם אַלטנס איראָנישע שטים אין די אויערן: — גייט אַ היים און זעצט זיך צום סדר!.

ווי אַ וואַנזיניקער איז ער אין צימער אַריין, און דעם יידישן לוח פון שרייב-טיש אַרויסגענומען, מיט ציטערנדיקע הענט געריסן די בלעטלעך, און ווען ער האָט דערזען גרויסע רויטע אותיות „פּורים". האָט ער גענומען אַרומלויפן איבערן צימער שרייענדיק:

„אַ סוף! אויס פּורים! נישטאָ קיין פּורים אויף דער וועלט!. אַזאַ משוגענער סקאַנדאַליעזער מנהג!... אָפּלייגן אַזאַ יום-טוב ווי פּורים אויף אַ גאַנצן חודש און נישט מעלדן אַפילו אין גאַזעט!... אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנ—דאַל!... אַ סקאַנ—דאַ—אַ—אַל! און ווען אַלע אין שטוב זענען זיך צונויפגעלאָפן אויפן געשריי.

האָבן זײ אים געפונען רײסנדיק אויף פּיצלעך דעם לוח שרײענ־
דיק מיט די לעצטע קרעפטן:

— נישטאָ קײן פּורים!... אויס פּורים!... אויס פּורים!...
אויס! אויס פּ—פּ—פּור--ר—רררים!...

— —

פארשטיקטע טרערן

(א סצענקע פון טעגלעכן לעבן...)

1912

מאַדאַם גרין: (ביים טעלעפאָן) קטאָ מוווי?! א דו ליזע נו, ס'איז דאָ? נו גוט, וויפיל? זיבן רובל, זייער גוט, וואָס פאַר אַן אָרט? דו ווייסט נישט? נו אַלץ איינס, נאָר נעם קאָחאַנאַ דראָגאַ... הא?! ווען ס'וועט זיין טייערער? קע-צל ליזעטשקע וויפיל מען וועט בעטן וואָס? וואָס?! איך הער נישט אַ-אַ-אַהאַ לאַזאַר איז נאָך נישט געקומען? האָסטו אים אָבער פאַרזאָגט? געדענקט איר, אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט?! א? דו וועסט מיר באַלד טעלעפאָנירן? גוט, זייער גוט, איך גיי ערגעץ נישט, דאָווידזעניע!

שניידערן: (א יונג סימפּאַטיש געזיכט) וועט איר נאָך אַמאָל אָנמעסטן מאַדאַם?

מאַדאַם גרין: געוויס, איך האָב נעכטן נישט צוגעקוקט זיך צו דער מאָס איבער דעם חסרון.

שניידערן: יעצט איז אַלץ גוט.

(דער טעלעפאָן קלינגט)

מאַדאַם גרין: קטאָ מוווי?! אַ ליזע? נו? שוין געקויפט יאָ? הא, וואָס? נישטאָ שוין? וואָס טוט מען ליזעטשקע? ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, איך האָב זיך אויף אים פאַרלאָזן, וואָס? ער האָט נישט געוואָלט קויפן ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע בילעטן אויסער צו אַכט רובל? אָט איז אַ אידיאָט! וואָס? וואָס? איך הער נישט וואָס? ער זאָגט, אַז ער וועט גיין צום טעאַטער נאָכאַמאָל? זאָל ער גיין גיכער, ער גייט שוין, גוט, גוט, הא? געוויס וועל

איך זיין אינדערהיים און ווארטן. הא, וואס ? דיין עצה איך זאל גלייך קומען ? דיר דוכט, אז ער האט א בילעט נאר ער האט צוגעזאגט ראזען ? וואס ? ער זאגט, אז ער האט נישט ? וואס טוט מען ? וואס טוט מען ? הא ? איך זאל שוין קומען ? נישט זאג, אז איך גיי, איך קום שוין. (לויפט ווי דער רוח טרייבט איר) סאלקע ! סאלקע ! גיכער מיין מאנטל, אבער גיכער (קוקט אויף דער בלוזקע) און דאס געקנייטשטע פעלדל איז געבליבן ?!

שניידערין: איך האב דאך אייך געכטן געזאגט, אז מען קאן נישט איבערמאכן. און ווען מען וואלט געמאכט ווי איר האט פארלאנגט, וואלט אויסגעקומען נישט שיין און אן שום פאסאן.

מאדאם גרין: וואס ארט דאס דיך, ווי איך הייס מוסטו מאכן.

שניידערין: אבער ביים נעמען די מאס האב איך דאך אייך געגעבן צופארשטיין, אז אזוי ווי איר פארלאנגט, וועט עס קיין פאסאן נישט האבן און איר האט געשוויגן. און נעכטן האט איר דאך אויך נישט געזאגט.

מאדאם גרין: וואס קימערט מיך וואס דו רעדסט. מיר ליגט יעצט נישט אין קאפ אויסצוטענהן זיך מיט דיר. סאלקע! סאלקע! צום טייוול, ווו איז זי פארפאלן געווארן?! מאך איבער דאס פעלדל, וועל איך דיר באצאלן.

שניידערין: (מיט הארץ) אבער ביי גאטעס ווילן מאדאם! עס איז דאך אוממעגלעך, מען דארף דאך איבערנייען די גאנצע בליוזקע !

מאדאם גרין: (אויפגערעגט) וואס ארט דאס מיך. סאלקע! סאלקע !

שניידערין: (ווארפט אויפן טיש א זשורנאל פון מאדעס) זעט אויב ס'איז דא איין מאדע, כאטש איין בליוזקע ענלעך צו דער ווי איר פארלאנגט ?

מאדאם גרין: איך דארף נישט דיינע מאדעס, איך האב (מיט שטאלץ) מיין אייגענעם גוסט.

(דער טעלעפאָן קלינגט)

שנײדערן: (שטיל) קלינגען זאָל איר אין קאָפּ, רבונו-של-עולם. איך װאָלט שױן גערן נעמען בײ איר דאָס ביסל געלט. אַזױ שפּעט און קײן קױלן איז נישטאָ אין שטוב. די קראַנקע מאַמע פרירט פון קעלט.

די דינסט: די מאַדאַם רופט מיך?

מאַדאַם גרין: דו ביסט שױן טױב געװאָרן, דאָ דיאַבלאַ! מער װי אַ שעה, אַז איך שרײ סאַלקע! סאַלקע! די (װײזט אױף דער שנײדערן) דולט מיר דעם קאָפּ פון אַ שעה. און די איז טױב געװאָרן. מען קאָן משוגע װערן פון זײ.

די דינסט: (שטיל) הלואי, רבונו-של-עולם!

שנײדערן: אַנטשולדיקט מאַדאַם, איך האָב אױסגעגעבן נײַנציק קאָפּיקעס אױף קרוזשעװע, איך דאַרף דאָס נײטיק.

מאַדאַם גרין: איך האָב יעצט צו דיר (אָן אַ זײט) װי מען דערלױבט זיך דולן אַ קאָפּ. ברענג מאָרגן די בלוזקע אַ איבערגעמאַכטע. װעל איך דיר באַצאָלן. נאָך פאַרװיס גיב זײ געלט! (צו דער דינסט) װאָס שטײסטו און קוקסט, ברענג שנעל דעם מאַנטל און די קאַלאָשן (דינסט אָפּ).

שנײדערן: (מיט אַ פאַרשטיקטער שטים) דאָך, באַקלערט מאַדאַם װיפיל אומזיסטע אַרבעט איר פאָדערט פון מיר. אױף נאמנות, װי איר האָט אײנגעװיליקט װי איך האָב אײך געװיזן און...

מאַדאַם גרין: (שלאָגט איר איבער די רײד) איך טענה שטענדיק צו מײן מאַן, אַז ס'איז נישט אױסצוהאַלטן פון די יידישע אַרבעטערינס. װאָלט זיך דאָס דערלױבט אַ קריסטלעכע שנײ-דע-רן! (מיט כעס) זעסט נישט װי איך בין צעטראָגן? און דו דולסט מיר מײן קאָפּ. ברענג מאָרגן אָװנט, אָבער אין אַ רױקער צײַט, נישט װען איך בין פאַרנומען און צעטראָגן.

שנײדערן: (מיט אַ פאַרצװײפלטן טאָן) װי קאָן איך װיסן װען די מאַדאַם האָט צײט?

מאַדאַם גרין: טעלעפאָניר!

שנײדערן: (מיט אַ געטאַכטן שמײכל) איך האָב קײן טעלע־פאָן נישט אין שטוב.

מאַדאַם גרין: כאַ־כאַ־כאַ! שױן רעכנסטו, אַז איך בין אַזױ נאַריש צו קלערן, אַז דו האָסט אַ טעלעפאָן בײ זיך אין שטוב?! טעלעפאָניר ערגעץ אין אַ געשעפט, אין גאַס.

(די דינסט קומט אַרײַן מיטן מאַנטל און קאַלאָשן, טוט איר אָן. מאַדאַם גרין אָפּ)

די דינסט: װאָס האָט זי געװאָלט פון אײַך די משוגענע מאַדאַם מײנע?

שנײדערן: אומזיסטע אַרבעט, אײנגעאַנצן אומזיסט. די בלוזקע איז פּאַרטיק װי איך האָב איר געװיזן (װײַזט אין זשורנאַל) און יעצט הײסט זי אײנגעאַנצן איבערנײען. גאָט מײנער! (געצװיגן אין אַ אומעטיקן טאָן) אין שטוב איז קאַלט. די מאַמע קראַנק. אײ־אײ־אײ... (װײנט שטיל).

(פאָרהאַנג)

אויפן מאהילניק

(אַ סצעניש בילד)

1903

(די סצענע שטעלט פֿאָר אַ פֿאַרנאַכט אויפֿן מאהילניק. אייניקע קברים זענען פֿאַרשאָטן מיט שניי. ס'זעען זיך נאָר די שפּיצן פֿון די צלמים, רעכטס זעט זיך די גאַנצע פֿיגור פֿון דערלייזער, נעבן אַ קאַפּליצקע אַקעגן אַן אַלטן אימהדיקן קלויסטער, פֿון וועלכן ס'הערט זיך אַ שטילער אומעטיקער קלאַנג פֿון אַ גלאָק און שטערט די טויטע שטילקייט. נעבן אַ פֿרישן קבר שטייט אַ פֿרוי איינגעהילט דעם קאָפּ און דאָס געזיכט פֿון וועלכער ס'שטאַרצן אַרויס צוויי אויגן רויט פֿון טרערן. עטלעכע טריט ווייטער שטייט אַן עלטערע פֿרוי נעבן אַ קבר אָן אַ מצבה, קעגנטיק איר אַ פֿרישער, ס'זעט זיך אויפֿן קבר אַ הויכער צלם. די אַלטע איז עלעגאַנטיש געקליידט אין שוואַרצן. זי לייגט אויפֿן קבר אַ קראַנץ. פֿון לעבעדיקע בלומען...

ע ר ש ט ע פ ר ו י : געהאַפּט דיין בר־מצוה דערלעבן. פֿרייען זיך פֿון דיין דרשה, מיין טייערער באַשמוצטער קדיש. דער־מאָרדעט געוואָרן פֿון גוישע רוצחישע הענט, מיט גרעסערע ענויים ווי ס'זענען געמוטשעט און געפּייניקט געוואָרן אונדזע־רע קדושים אונדזערע צדיקים אין אַלע צייטן. דאָס איז זיי נאָך חייניק געווען, אומשולדיק עופֿעלע מיינס. געקומען צו קבר־ישראל אַ קדוש, אַ הייליקע געפּייניקטע נשמה. אַ טרייסט געווען דער אומגליקלעכער מאַמען. איר קינד, איר בן־יחיד אַ קדוש. אַ גזירה מן השמים. און יעצט שטיי איך נעבן דיין צווייטן נייען פֿרישן קבר, נעבן נישט יידישע קברים, מיין טייערער יאָסעלע... נאָר ווי איז דער מאַמען, מיין קינד; מיין יאָסעלע ביסטו דאָך, ווי

די ביסט. נישט מיין גאנץ קינד ליגט דא. זיינע צע־שניטענע אברים צעבראכענעביינדלעך. מן-הסתם איז דאס אויך א ביטערע גזירה פון זיין נאמען, וועלכן איך טאר דא נישט דערמאנען. איך ווייס נישט אויב איך מעג זיין דא על-פי-דין...

נאר פאר וואס איז מיין חורבן גרעסער ווי אלע וואס איך ווייס. פיל קדושים זענען אומגעקומען פון גוישע הענט מיט מיתות משונות ווי ס'שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים. מען האט נישט געלאזן ברענגען די הרו־גים, די קדושים צו דער קבורה. אבער א יידיש קינד א אומגעקומענער פון גוישע הענט זאל מען מקבר זיין אויף א מאהילניק. אזא חורבן איז אין חורבן אויך נישט געוועזן. (ווייגט היסטעריש) דער אלטער האט זיך געבעטן איך זאל נישט גיין, מען קאן מיך ארעסטירן, מען קאן מיך הרגע־נען; זאלן זיי. איך וואלט נאר וועלן הערן, וואס וועלן זיי מיר זאגן? פארוואס האבן זיי מיין קינד צוגענומען פון קבר-ישראל, און זיינע צעבראכענע ביינדלעך מקבר געווען צווישן גוים!. (הערט זיך צו פארוונדערט.) וואס הער איך?!. א יידישע שטים הער איך.

די עלטערע פרוי: (נעבן צווייטן קבר) א עקזיסטענץ געזוכט צום לעבן. אוועק פון דעם פארבאטענעם. דערווארבן דאס דערלויבטע. און געפונען דעם טויט צוליב די פאר־לאזענע פון די בייזע ברודער... אוועק פון אייגענע... נישט אויסגעהאלטן דעם נסיון. אוממעגלעך געווען צו געפינען א גלייכן וועג צום לעבן... מען האט געשטערט... אראפ פון וועג... געצוואונגען געווען צו גיין אין א קרומען וועג... די לוסט צום לעבן האט גובר געווען... א גוי מיט רעכט צום לעבן... נאר די יידישע נשמה האט אין דעם נייען געצ־וואונגענעם לבוש געפלאצט... צופיל ליב געהאט זיינע עלטערן זיין פאלק, געליטן ווי א ייד, געקוועלט זיך ווי א ייד. די יידישע נשמה האט געפלאצט... און דער קערפער געפינט

זיך דאָ. ער געפינט זיין אייביקע רו צווישן גויים. אַ אַ קדוש, אַ מאַרטירער, אַ קדוש, אַ קדוש. (וויינט).

די ערשטע פרוי: (דערנעטערט זיך) אייער זון איז אויך אַ קדוש? מען האָט אים אויך געהרגעט, אויך געקומען פריער צו קבר־ישראל? ס'איז דאָ א גייער זאַקאָן אַז מען ווערט געהרגעט, אין פּאָגראָם פון גוישע הענט ־נעמט מען אַרויס פון יידישן קבר און מען איז מקבר אויף אַ גויישען מאָהילניק? איך בין נישט קיין געלערנטע, איך וויס נישט. אייער זון איז אויך פריער געקומען צו קבר־ישראל? אייער זון איז אויך אַ קדוש?

די עלטערע פרוי: מיין זון איז אַ קדוש, אָבער צו קבר־ישראל איז ער נישט געקומען. מען האָט אים מקבר געווען גלייך אויפן מאָהילניק. די יידישע נשמה האָבן בעגלייט גלחים אויפן עולם־האמת.

די ערשטע פרוי: איך פאַרשטיי דאָס נישט! (פאַרוואונדערט)

די עלטערע פרוי; געזונטער נישט צו פאַרשטיין, ליבע פרוי, מיין אונגליק איז גרעסער. אויף אייך האָבן רחמנות אַלע מענטשן, די גאַנצע וועלט און מיך? אָ! (כליפּעט)

די ערשטע פרוי: געוויס ווייסט איר פון די צייטונגען, אַז בשעתן פּאָגראָם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַ צוועלף־יאָריקער קריסט, און אַז די יידן, האָבן אים געהרגעט, און דער אומגליקלעכער גורל איז געפאַלן אויף מיין געהרגעטן בן־יחיד. מען האָט זיינע ביינדלעך איבערגעטראָגן אויפן מאָהילניק. און ער איז פאַרעכנט פאַר אַ גוי וואָס יידן האָבן געהרגעט. די זאַך ווערט אויסגעפאָרשט. פיל שכנים גוטע קריסטן זאָגן עדות אַז דאָס איז מיין קינד. נאָר ס'איז שווער צו דערקענען, נישטאָ איין גאַנץ אבר. (דאס קלינגען פון גלאָק ווערט העכער שנעלער ס'הערט זיך אַ גערויש, און שטימען פון מענטשן)

אַ הויכע שטים: האָס־פאָ־די פּאָ־מי־לוי!.

פיל שטימען; האָספּאָדי פּאָמילוי! פּאַ־מי־לוי פּאָ־מי־לוי!

די ערשטע פרוי: וווּ איז יושר, וווּ איז דין? וואָס האָבן זיי מיר געטון?.

(דער גלאָק קלינגט כסדר)

די שטים: האָספּאָדי פּאָמילוי.

די שטימען: פּאָמילוי! פּאָמילוי פּאָמילוי!.

די ערשטע פרוי: ערגער ווי אין דעם חורבן, שרעקלעכער ווי אין די גזרות (פאַלט אויפן קבר, וויינט)

(די שטימען ווערן נעענטער, ס'דערנענטערט זיך אַ טרומנע און פיל מענטשן גייען, שטעלן זיך אָפּ נעבן דעם קבר אויף וועלכן די פרוי ליגט).

איינער: דאָ איז זיין אייביקע רו, נעבן דעם הייליקן קינד וואָס איז פאַרמוטשעט געוואָרן פון די זשידעס...

צווייטער: צום אומגליק ווייסן מיר נאָך נישט דעם נאָמען פון דעם נייעם קדוש...

דריטער: די מאַכט שלאָפט נישט, מען זוכט און מען וועט געפונען.

ערשטער: אַ הייליקער פאַרמוטשעטער קריסט דורך דעם דערלייזערס שונאים.

די ערשטע פרוי: (הייבט זיך אויף פון קבר, מיט שרעק און היסטערישן געשריי) נישט אמת! ס'איז מיין קינד! אַ יידיש קינד וועלכן מערדערישע קריסטן האָבן דערמאָרדעט. און קריסטן האָבן געשענדט... אַ ייד אַ קדוש וועלכן שלעכטע קריסטן האָבן נאָך זיין טויט מטמא געווען, און זיינע געפייניקטע גלידער מיט געוואַלט באַגראָבן צווישן נישט יידן. נאָר יידישע גלידער, יידישע ביינער זענען דאָ באַגראָבן!... מיין קינד! מיין יאָסעלע!

גלח: ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ?

די פרוי: איך בין דעם קדושס מוטער, בין אויף זיין קבר געקומען.

גלח: דאָס איז נישט דיין קינד, זאָגסט נישט אמת, יידישקע!

די ערשטע פרוי: אַ מוטערס האַרץ נאַרט נישט... דאָ איז מיין קינד באַגראָבן, דאָ ליגט מיין הייליק קינד, וועלכן מען

האָט מטמא געווען... דאָ ליגט ער דערווייל, באַטש נישט
דאָ איז זיין אָרט.

ערשטער: זאָל דער וועכטער אַרויספירן די זשידוווקע,
איבערגעבן צו אַ פּאָליציאַנט, זי זאָל נישט שטערן די
הייליקע קבורה.

(...כען נעמט זי פירן. זי גייט צעמישט אומבאַהאָלפן. דער
גלאָק קלינגט).

שטימען: האָספּאָדי פּאָמילוי, האָספּאָדי פּאָמילוי פּאַ־מי־לוי

די פרוי! (פאַר זיך ווי פאַרלוירן) מיין קינד אַ ייד, אַ
קדוש... גויים האָבן אים מטמא געווען... זיין נשמה איז
אין הימל צווישן צדיקים, קדושים.

שטימען: האָספּאָדי פּאָמילוי! האָספּאָדי פּאָמילוי! פּאַ־
מי—לוי!

(דער גלאָק קלינגט: באָם—באָם—באָ—אָ—אָ—אָם!)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

געזוכט —
און... נישט געפונען

1901

אין די יונגע יאָרן איז שוין זיין געזיכט געווען פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן. זיינע צוויי שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט טרויעריק פאַרצווייפלט... זיין שטים האָט געציטערט... זייער אָפט פלעגט מען אים זען לויפן מיט אימפעט קוקנדיק אויף אַלע זייטן ווי ער זוכט וואָס... זיינע עלטערן ווייסנדיק, אַז ער איז קערפּערלעך פולקאָמען געזונט, זענען געווען זייער פאַרזאָרגט, גלייבנדיק אַז זייער קינד איז אין אַ מרה-שחורה... און ווען זיין פאָטער פלעגט אים פרעגן „פאַרוואָס ביסטו פאַרזאָרגט, זלמן? וואָס פעלט דיר"? פלעגט ער מיט אַן אָנגעשטרענגטער רויִקייט ענטפערן אויך מיט אַ פראַגע „וואָס זאָל איך גיין טאַנצן, טאַטע"?...

זיינע חברים פלעגט ער אויסמיידן, און ווען ער פלעגט זיך מיט זיי טרעפן, פלעגט ער זיך באַמיען צו ריידן מיט זיי ליבלעך און דאָך פלעגט יעדער באַמערקן זיין פאַרזאָרגטקייט... נאָך דער עצה פון דער משפחה און פריינט האָט מען אים פרי חתונה געמאַכט... ער איז אָנגעקומען פאַר אַן איידעם אין אַ שטעטל און פאַר זיין אָפּפאָר האָט ער זיך זייער קאַלט מיט יעדן געזעגנט און דאָסמאָל נישט באַמיט זיך צו באַהאַלטן זיין פאַרזאָרגטקייט...

זעגנענדיק זיך מיט מיר, זיין נאָענטן חבר, האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, און ווען איך האָב אים געווונטשן, אַז גאָט זאָל אים געבן אַ גליקלעך לעבן, האָט ער געציטערט אינגאַנצן, ער האָט מיך געכאַפּט מיט ביידע הענט, און האָט געשטאַמלט מיט שרעק:

— חבר, פריינט! איך האָב פאַרלוירן... צו יונג פאַרלוירן... יך זון... אפשר וועל איך געפינען...

עטלעכע יאר זענען אריבער, אין שטעטל האט מען גערעדט אז אים גייט נישט שלעכט, ער ארבעט מיט זיין שווער אין געשעפט „א יונגערמאן צו גאט און צו לייט"... פלעגט מען אפגעבן גריסן זיינע עלטערן וועגן אים...

איינמאל זייענדיק אין ווארשע, האב איך אים דערזען אין סינאגאגע, ס'איז געווען דער ערשטער טאג ראש-השנה. ער איז פיל פארענדערט געווארן... נאך אונדזערע עטלעכע ווערטער, ווען דער שמש פון סינאגאגע האט אונדז שטרענג באמערקט: נישט דערלויבט צו ריידן, האב איך באמערקט א צופרידנקייט אויף זיין געזיכט... עטלעכע מינוט איז ער געשטאנען פארטראכט, און פלוצלינג האט ער מיר געשווינט אויסגעשטרעקט זיין קאלטע האנט, און מיט א געבעט שטים ערנסט זיך געזעגנט: חבר! איך גיי פון דאנען... נישט האלט מיך אפ... איך קאן דא נישט פארבלייבן מער... איך בין אומגליקלעך מיין פריינט! ס'איז מיין לעבן פארביטערט... דאס וואס איך האב פארלוירן — און געפינען האב איך נאך נישט...

צען יאר זענען פון יענעם טאג אוועק. מיין שיקזאל האט מיך פארטראגן ווייט פון דעם ארט ווו איך האב מיינע יונגע יארן פארבראכט, דאס לעבן האט מיך געמאכט פארגעסן מיינע חברים פון דער היים. נאר דער אומגליקלעכער רעטזעלהאפטער חבר איז מיר פון זינען נישט ארויס, דער ווונדערלעכער סוד פון די ווערטער „פארלוירן — און געפונען האב איך נאך נישט" האט מיר קיין רו נישט געגעבן...

אויף מיין בקשה צו א באקאנטן, ער זאל מיר שרייבן וואס עס טוט זיך מיט אונדזער חבר זלמן? האב איך דערהאלטן א בריוו מיט פאלגנדיקע ווערטער:

„זלמן איז שוין באלד דריי יאר, ווי ער איז אפגעפארן פון דאנען אין א טרויעריקער לאגע. נאכדעם ווי ער איז ארויס פון משוגעים-הויז, וו ער האט פארבראכט כמעט א יאר... האט ער געגעט זיין ווייב און האט פארגרייזט... פארן געזעגענען זיך מיט מיר, זענען געווען זיינע געצעלטע אפשייד-ווערטער: „איך גיי פון דאנען, אפשר וועל איך דאך געפונען וואס איך זוך — וועט מיך נישט ארן וואס איך

האָב פאַרלוירן... און דעמאָלט וועל איך לעבן...

ווי אַ דונער האָט מיך דער בריוו דערשלאָגן, און איך האָב שטענדיק געגאַרט מיין ווונדער־עבן אומגליקלעכן חבר באַגעגענען און זיין שרעקלעכן סוד דערוויסן; וואס האָט עס זיין יונג לעבן פאַרביטערט און אומגליקלעך געמאַכט?...

— — — — — — — — — — — —

אין אַ שיינעם קילן זומער־פאַרנאַכט, זייענדיק אין אָדעס, האָב איך מיט מיינעם אַ באַקאַנטן שפּאַצירט אויסן שטאָט. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, מענער, פרויען און קינדער זענען געלעגן אויפ'ן פעלד האַלב־נאַקעט און האָבן זיך געקוויקט פון דעם שטילן פאַרנאַכט ווינטל נאָך דער שווערער אַרבעט און שרעקלעכער היץ פון אַ גאַנצן טאָג... די קליינע הייזלעך האָבן אויסגעזען ווי פינטעלעך אַקעגן די שטאָטישע גרויסע פילשטאָ־קיקע שטיינערנע הייזער, וועלכע זעען זיך פון וויטן. אַ עלענטע שטילקייט אַרום־און־אַרום... פלוצלינג האָט אַ הייזעריקע אָנגעשטרענג־טע שטים געשטערט די רו. ס'איז אַרויסגעלאָפן פון אַ קליין הייזל אַן אַלטע פרוי און מיט שרעק געשריגן: יידן גיכער! גיכער קומט דערהיטן די נשמה פון אַ ייד... אַ ייד גוססט... גיכער גיכער!...

דאָס קליינע שטיבל איז געוואָרן פול מיט מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב זיך אויך געפונען. אַ באַהאַלטענע קראַפט האָט מיך אַריינגעצויגן... מיין האַרץ האָט וואָס פאָרויסגעזאָגט... פאַר מיינע אויגן איז געלעגן אַ מענטש, די האָר צעוואָרפן, די אויגן מוטנע צעמישט, דאָס האַרץ האָט זיך געהויבן הויך און געזעגט ווי אַ זעג, ס'האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער כראָפּען און נאָכדעם אַ שווערער זיפץ, און מיט דעם לעצטן זיפץ האָט זיך געשיידט די נשמה פון דעם גוף... אַן אַלטער ייד האָט הויך די ברכה געמאַכט, גיך האָט מען אים פון בעט אַראָפּגענומען און צוקאָפּן, צוויי גראָשאָווע ליכטלעך אָנגעצינדן... די יידענע האָט וויינענדיק געוויזן אַ פלעשעלע פון וועלכן דער פאַרשטאָרבענער האָט אויס־געטרונקן נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אָנגעשריבן... און כליפּענדיק דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, וווּ איך האָב געלעזן פאָלגנדיקס.

„איך האָב זיך געסמט. קיינער איז נישט שולדיק אין מיין טויט...

פון מיין לעבן און מיין טויט וואָלט אפשר נוצלעך געווען די גאַנצע וועלט זאָל וויסן. באמת בין איך נישט געשטאָרבן, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געלעבט. קיינער איז אין מיין טויט נישט שולדיק. איך האָב זיך דערצויגן אן מיין ווילן. חתונה געהאַט אָן מיין ווילן, געגט זיך אָן מיין ווילן. געלעבט אָן מיין ווילן. באַר שטאַרבן שטאַרב איך מיט מיין אייגענעם ווילן. איך שייד זיך נישט פון דער וועלט, ווייל איך האָב קיין וועלט נישט געהאַט און קיין וועלט נישט געזען. איך שייד זיך נישט פון מענטשן, ווייל איך קען זיי נישט, און האָב זיי נישט.

איך האָב זיך דערצויגן ביי פרומע עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט איינפלאַנצן אין מיר די אמונה אין גרויסן גאָט מיט זאַכן וואָס געהערן נישט צו גאָט, און דערפאַר האָב איך אייבּ־שטענדיק געזוכט, דאָס וואָס זיי האָבן מיר אָנגעבונדן מיט אומ־צאָליקע שטאַרקע בונדן (נאָך מיין מיינונג) האָב איך צעריסן... אין די קופּע אמונה־ספרים וואָס זיי האָבן מיך מיט זיי געשטאָפּט האָב איך קיין אמונה נישט געפונען. דאָס וואָס זיי איז געווען גרויס איז מיר קליין געוואָרן. דאָס וואָס זיי האָבן גערופן גוט און הייליק איז מיר שלעכט און וואָכיק געווען. איך האָב יונג פאַרלוירן דאָס, וואָס ס'איז אוממעגלעך צו געפינען. פאַרלירנדיק דאָס וואָס אָן דעם איז שרעקלעך צו לעבן, האָב איך געזוכט און געזוכט מיט אַלע מיינע כּחות און גערודלד דאָס, וואָס איך האָב געהאַט צו געפינען. אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט האָב איך געזוכט צווישן אַלע שיכטן פון די מענטשן. נאָר אומזיסט איז געווען מיין זוכן און מיין האָפן. אין משוגעים־הויז האָב איך זיך גע־קוועלט מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד. יעדער האָט אויף מיר מיט די פינגער געטייט, און איך האָב געהאָפט און געזוכט.

און צום לעצט ווען איך האָב זיך פעסט איבערצייגט, אַז ס'איז אומזיסט מיין זוכן און מיין האָפן. און ווייל אָן די ביידע זאַכן איז אוממעגלעך צו לעבן — שטאַרב איך".

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם געשטאָרבענעם. און האָב

דערקענט מיין אומגליקלעכן חבר. מיט שרעק האָב איך געלעזן נאָך אַמאָל דאָס שטיקל פּאַפּיר פון וועלכן ס׳זענען געווען די לעצטע ווערטער „איך שטאַרב, איך לאָז די וועלט, אין וועלכער איך האָב גאָט געזוכט — און אַ מענטשן נישט געפונען“.

גאט איז וואלד און איז שטאט

1906

געשריבן עטלעכע טעג נאָך דעם „בלוטיקן-מיטוואָך״
אין אַ דאָרף ווייט פון וואַרשע, געשריבן אונטער
דעם איינדרוק אין דעם זעלבן טאָג, וואָס איך
האָב באַשלאָסן צוריקקערן זיך קיין וואַרשע

הימל און ערד, מער קיינער.
פון מענטשן איך נאָר איינער.
געאָרעמט מיט דער נאַטור, נאָענט צו גאָט
אָפּגעשיידט פון מענטשן, ווייט פון שטאָט.
ס׳שלאָפט שטיל דער גרויסער וואַלד
איך ווער אויך אנדרימלט באַלד.
די גרעזעלעך נאַסע פון טוי
שלאָפן נאָך זייער מאָרגן-רו.
ס׳איז אַלץ שטיל, רויק אַ מחיה
דאָ אין דער שיינער נאַטור דער פרייע.
ס׳שטערט נאָר די רו פון צייט צו צייט
דעם פאָסטוכס פייפן, און דעם הונטס האַווקען ווייט.
ליב איז מיר אַלץ און טייער
דאָ אין וואַלד אין דער נאַטור דער פרייער.

און דאָרט?! ווהין איך פאָר צוריק
דאָרט ווו ס׳איז פארפלאָנטערט די טייוולשע שטריק
וועלכע איז פאַרצויגן אויף דעם גאַנצן לאַנד
איבער אַ גרויסע שטאַרקע אייזערנע וואַנט...
און יינגע לעבנס אָן אַ שיעור, אָן אַ צאָל
פאַלן ווי די פליגן פון מאָל צו מאָל.
מיט ריזיקער גבורה מיט העלדישן מוט
וואַרפן און רייסן מיט צארן און ווּט.
און די וואַנט איז שטאַרק, און די שטריק איז פעסט

פון יינגע קרבנות פון העלדישן רעשט.
אָפט דוכט, אָט קראַכט זי און פאַלט
פון העלדישן געשריי פון ריזיקן געוואַלט.
און פּלוצים שטייט זי ווידער גלייך
אָנגעשפּאַרט, באַפּעסטיקט אין בלוט אַ טייך.
עטלעכע וואָכן האָב איך דיך נישט געזען מיין שטאָט
אַנטלאָפן בין איך פון מענטשן, פון גאָט.
און דאָ אין וואַלד צו מיין גרויסער לייד
האָב איך געפונען מיין גרויסן סוד.
אַז אין דער פרייער שטומער נאַטור
זעט מען דעם אייביקן גאָט נור.
די גאַנצע יאָרן פון מיין לעבן,
איז געווען מיין שטאַרקער שטרעבן:
גאָט גאָט! איז געווען פול מיין זינען
אין שטאָט אין גאַס צווישן מענטשן געפינען.
נאָר אומזיסט איז געווען מיין זוכן און האָפן,
פיל טעג מיט יאָרן זענען פאַרבייגעלאָפן;
און פיל גרויס און שרעקלעכס איז געשען.
און „מיין גאָט" האָב איך נישט געזען.
דאָרט וווהין איך פאָר צוריק מיט מורא
דאָרט האָב איך געפונען דעם הגבור־והנורא.
די אייזערנע קראַטעס פון די אָסטראָגן
פון די אומשולדיקע דער יאָמער, דאס קלאָגן.
די שמיקעס מיט די פוליעס הילעכן שרייען.
אונטער דעם הימל דעם גרויסן דעם פרייען.
די פויסט זיגט, דער שקר איז מנצח
די מערדעריי משפט, דער ריכטער איז דער כוח.
די לופט הילעכט מיט שמערצלעכע געשרייען פון ווײט
די ערד איז פעט פון מענטשן־בלוט.
דאָס „אכזריות" הערשט, טאַנצט אין וועלט־קלוב
און דאָס „רחמנות" איז באַהאַלטן אין אַ קעלער־גרוב
דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט האַס און נקמה

ניש טאָ קיין איין רויק וועזן קיין איין גאַנצע נשמה,
אַ הייפעלע מערדער באַנדיטן
פינצטערע כוחות פּאַראזיטן.
צום גרויסן אומגליק און שאַנד
מאַכן חרוב אַ גאַנץ לאַנד.
און דער הגדול הגבור והנורא
פון כוח גרויסקייט און מורא
ווערט א רחום וחנון באַלד.
אָבער ניש דארט, נאָר דאָ אין וואַלד.
צווישן מענטשן אַ שטאַרקער אַ מוראדיקער נור
און א רחום וחנון ביי דער גוטער נאַטור.
און איך מוז פאַרלאָזן אָ! דעם גוטן דערבאַרמדיקן גאָט
אומקערן זיך צום הגבור והנורא אין שטאָט.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

ח ו ה

(אין צוויי געשטאַלטן...)

1910

I

מילד הערלעך און שיין
ווי א מלאך גוט און ריין.
ווייסט, קיין רשעות, ווייט פון שלעכט
מאַכט זיס די טעג מיט די נעכט.
גיט רו דעם מידן דעם שוואַכן
דעם וויינענדיקן מאַכט זי לאַכן.
דעם פאַרצווייפלטן גיט זי האָפנונג פיל
פירט אים צום גליק, צו זיין ציל.
פאַרוויגט דעם גרויסן ווי א קינד
פאַרטרייבט פון אים זיינע זינד.
ווי א מאַמע א גוטע א געטרייע
גלעט זי און קושט אים אין זיינע מינוטן פרייע
פאַריאָגט פון אים אַלע זייגע לייד
זעטיקט אים מיט נחת און פרייד
אַ מלאך פון הימל אין א מענטשן פאַרשטעלט
בעשיקט א מתנה פון גאָט אויף דער וועלט.

II

בידעריק געמיין און שלעכט
רויבט די טאג מיט די נעכט
ווי אַ שלאַנג זייגט דעם מאַרך מיט די בלוט
פאַרפאָלגט מיט האַס און גיפט יעדע מינוט.
רויבט די רו ביים שלאָפן און מידן
אין אייזערנע קייטן צו דריקן אים און שמידן.
ווי לילית היט זי זיין יעדן בליק
צוצעשטערן און פאַרניכטן זיין רו און גליק.
זי פאַרשלעפט אים אין זינד איבערן קאָפּ
און פאַרשליידערט אים ווי א צעבראָכענעם טאָפּ.
פאַרביטערט זיין לעבן און גייסט ווי גאַל
און צווינגט צו באָדן זיך אין טרערן א קוואַל.
מיט איר אָטעם פאַרסמט זי זיין מוח
מיט אירע אויגן רויבט זי זיין כוח.
ער בלייבט מוטלאָז ווי אַן אויסגעקוועטשטע פייג
געפּענטעט ווי אַן אומבאַהאָלפן פייגעלע אין שטייג.
דעם ריז דעם גבור דעם גרעסטן העלד
שניידט זי אָפּ פון לעבן — פון דער וועלט.
אַ טייוול פון גיהנום אין א מענטשן פאַרשטעלט
געשיקט פון אַלע מזיקים צום אומגליק אויף דער וועלט.
— — — — — — — — — — —

די וועלף און די ציג

1906

(אַ פֿאַבעל, אָדער אַן אַליגאָריע, אָדער
גאָר אַן אמתע מעשה... געווידמעט דער
ייִדישער גמינע אין ווארשע...)

וו דאָס איז געווען
ווי דאָס איז געשען
וועט ווערן פון היסטאָריקער דערציילט.
שעפּסן, קי, קעלבער און פערד
האָבן פאַר זייערע מנהיגים וועלף מיט ציגן אויסגעוויילט
הערט דערצו נאָך א וואונדער און שטאַרט,
פּאַסט מוט, קלייבט געדולד און וואַרט!
און ווייסט וואָס דאָ האָט פּאַסירט.
די ציג פון סטאַדע די תמעוואַטע
דאס באשעפעניש דאס קאָלטאָ־צוואַטע
האָט מיט די וועלף א ברית־שלום פאַרפירט
ווען די אדונים פון קהל, די פירער
פון דער סטאַדע, די גייסטיקע רעגירער
האָבן צעשטערט, געמאכט פון דער נשמה א תל.
האָט די ציג יראת־שמימדיק פאַרגלאָצט די אויגן
ביז דר'ערד פאַר די חברים־מנהגים זיך געבויגן
און האָט געהאָלפן שינדן די פעל.
ווען די סטאַדע איז אכזריותדיק געווען געפּלאָגט
מיט פאַראכטונג און ביטול געשטויסן, געיאָגט
פון די וועלפישע מנהיגים טעגלעך אויסגעלאַכט.
איז די חברטע ציג געשטאַנען פאַרגלאָצט די אויגן
פאַר די אדונים הכנעהדיק אין דרייען געבויגן
און אויף זייערע באַפעלן א ברכה געמאַכט...
און הערט א וואונדער פון א ציג

ס'מעגן דאָס געדענקען אַלטע און קינדער פון וויג
וואָס א מנהיג א ציג קאָן נאָר.
תמעוואַטע מעקנדיק טאָג און נאַכט
שאָקלענדיק מיטן בערדל גאָטס-פּאָרכטיק פאַרטראַכט
האָט א ציג געמאָלקן די גאַנצע סטאַדע גאָר.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

בלעטלעך פון מײַן טאָג־בוך

ציעכאַנאָוויעץ 1927

אין וואַגאָן קיין ציעכאָצינעק

ערשטער טאָג

איך בין שוין לאַנג געפאָרן אַ ווייטע רייזע. די נאַטור באַלעבט און באַפרישט מיך אַ צייט; גאָר נישט אויף לאַנג. די אייביקע פראַגע וואס דערקוטשעט מיין גאַנצן לעבן — אין שטאָדט צווישן מענטשן דעם „הנורא" און אין וואַלד דער „חנון", דאָרט דער שרעקלעכער, און דאָ דער שטילער דער גוטער... דאָ דער באַשעפער פון דעם מענטשן, וועלכן ער האָט באַשאַפן בדמותו. און דאָרט אין שטאָט דער „ותחסרהו מעט מאלהים" פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער צעריצטער חיה? איך אַנטלויף אויף אַ קורצער צייט פון דעם „הנורא" צו דעם „חנון", און ווער קאָן מיר שלימזל פאַרזיכערן, אַז איך וועל פון אים געהאָלפן ווערן. די רעדער קלאַפן מיר צום טאַקט גאַנצע אָפּגעהאַקטע שטיקער פון מיין אומגליקלעך לעבן. אומגליקן שרעקלעכע איבערמענטשלעכע טיק-טאַק-טיק! מלחמה פון אַ פליג מיט צוויי פיסיקע חיות. טיק-טיק! מלחמה פון דעם „הנורא" מיט דעם טייוול בשותפות, קעגן אַזאַ פליג ווי איך. טיק-טאַק-טיק-טאַק! דער „יריד" איז געווען אַ שרעקלעכער. פשוט אַן אומגלייבלעכער. אַ שמשון-הגבור וואָלט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און אַריינגעפאַלן אין יענער זייט גרענעץ פון פאַרצווייפלונג. און דאס זיין פון „יריד" נאָך שרעקלעכער אומבאַהאָלפענער גרויזאַמער. מיט עטלעכע וואָכן צוריק ווען ד"ר מ. מיין ליבער סימפּאַטישער פריינט האָט מיר געשטעלט די פראַגע ווי אַ ד"ר צו זיין פּאַציענט „וואָס איז אייך"? איז געווען מיין תשובה

אזא: „ס׳איז מיר אוממעגלעך צו דערקלערן אייך מיין מחלה". מיינע ווייטאָקן ערגערן מיך נישט אַזוי פיל כאָטש איך לייד זייער, ווי ס׳ערגערט מיך מיין גייסטיקער צושטאַנד. איך קאָן אייך גאָר כאַ־ראַקטעריזירן מיין פסיכישע לאַגע ווי שטענדיק מיט אַ וויץ, ווי איר זייט געוווינט הערן שטענדיק פון מיר, אין מיינע ערגסטע צייטן. אָבער ליבער פריינט! נעמט אָן דעם מאָל מיין וויץ ערנסט־שבערנסט. ווען דער מלאך־המות וואָלט יעצט געקומען צו מיר אין אַ העפלעכער באַנעמונג געווענדט זיך צו מיר — „פּאַניע וו. זייט אַזוי גוט קומט"! וואָלט איך אָן אַ ווידערשטאַנד, אָן אַ פּראָ־טעסט געענטפערט כמעט גערן: „איך גיי"!. און איך האָב אים גלייך דערקלערט, דאָס הייסט: „איך האָב מורא פאַר קרענקען... פשוט באַנאַל. איך האָב נישט פאַר וואָס, און מיט וואָס צו קרענקען. דער שכר פאַר העכער דריי צענדליקע יאָרן גייסטיקע איבערגעגעבענע ערנסטע אַרבעט איז איין זאַך—שטיצע „הילף" קליינלעכן שמוציק. דער „הבורא" העלפט נישט. און דער „חנון" איז פאַרייניקט מיט דער צדקה־פושקע פאַר דעם פיזישן און גייסטיקן אָרבעטלאָזן, און פאַרן שנאָרער פון גאַס, אַלץ איינס. איין פושקע און דער ליידנדער וואָס קאָן זיין נשמה נישט דערנידעריקן קאָן זיך נאָר זאָגן: „ווען דו ווילסט נישט און קאנסט נישט דערנידעריקן זיך אין דיין קריטישער לאַגע, שטאַרב!" די רעדער קלאַפּן, דער לאָקאָמאָטיוו פייפט. איך הער דאס פייפן פון אַלע מלאכי־חבלה, מיט דעם בדוטאַלן קלאַפּן פון דער צדקה־פושקע... און די נשמה פון „חנון" צאַפּלט זיך און קאַרטשעט זיך פון ווייטאָק און יסורים. קלאַפּט רעדער! שטאַרקער, העכער! פאַרקלאַפּט מיינע מחשבות... מאַכט מיך כאָטש אויף אַ קליינער וויל פאַרגעסן פאַריקע טעג און די קומענדיקע וועלכע שרעקן מיך נאָך מער. אפשר וועט דאָס ציעכאָציִנקער געזאַלצענע וואַסער, איינזאַלצן מיינע ווייטאָקן מיט מיינע שמערצלעכע געדאַנקן, און אָפּלעבן מיין טויטע נשמה. פאַרשטאַרקן מיין האָפענונג צו וועלן פירן מיין מלחמה, אין וועלכער איך ליג שוין אויף אַנדערטהאַלבן לאָפּאַטקעס.

אַ שיינער עפּיזאָד האָט פּאַרגעטראָגן הייטערקייט אין גאַנצן וואגאן, און אויך מיר; חבר ר. מיט זיין באַקאַנטן זענען

צוועק זען „סקערנעוויץ" דער צוג שטייט דאָרט אַ לענגערע. זייט דער צוג האָט זיך גערירט און די יונגע „אַוויאַטאָרן" זענען נישטאָ, די קריטיק האָט זיך געלאָזט הערן פון אַלע זייטן. און איך האָב געהאַט גרויס עגמת-נפש, און האָב אָנגעהויבן פּלאַנעווען האָס צו טון מיט ווייערע זאַכן. חבר ר. האָט מיטגענומען אַ גאַנצע ביבליאָטעק אין צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס, וואָס ס'איז געווען אַ גאַנצע טעמע צו וויגלען זיך דעם גאַנצן וועג. נאָר אין „לאָוויטש" האָבן מיר זיי דערזען לויפנדיק. ומעשה שהיה כך היה — ווי ר. דערציילט אומקערנדיק זיך פון שטעטל, זענען מיר אָנגעקומען גראָד צום פייף, און זענען אַריינגעלאָפן אין וואַגאָן פאַרן לעצטן, ווי מיר האָבן אויפמערקזאַם באַמערקט. דער אַריינגאַנג צפּעס שענער. דער האַגאָן נישט דער זעלבער. מיר גייען פאַרחדושט אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן. מען דערזעט אַ באַקאַנטן „פאַרער קיין ציעכאַצינעק"? „מיר אויך" „דער באַן קומט אָן צוויי אָדער האַלב דריי"? אַן ענטפער „האַלב צוועלף, דאָס איז דאָך דער קוריער צוג". מיר כאַפּן זיך אויפ'ן טעות, אַז דער פייף האָט אונדז אָנגעפייפט. און מיר זענען געפלויגן נישט ע'פּ-דין. אַ גליק דער קאָנדוקטאָר האָט אונדז נישט באַמערקט. מיר לויפן אַראָפּ ביי דער סטאַציע און וואַרטן אויף „אונדזער צוג". און אָט זענען מיר בקן החיים והשלום און זענען ווידער מיט אייך". צו יעדער סטאַציע, פרעג איך זיי „נו! איר גייט זען דאָס שטעטל"? און צולם לאַכט און וויצלט זיך.

איך שטיי ביים פענצטער אַ לאַנגע צייט, די נאַטור פאַרשיכורט מיך. ס'לויפן פאַרביי פּאַנאָראַמעס געמאָלט פון דעם אייביקן קינסטלער. וואָס דער אויסדערווײלטער פון זיינע ברואים האָט צופעליק נאָך נישט פאַרדאָרבן. די אויגן קלעפּן זיך מיר פון באַגייסטערונג און מידקייט. איך שפּאַר זיך אָן אויף אַ האַנט. און די לעצטע טעג און וואָכן לויפן שנעל אין מיין זכרון, מיט דער זעלבער שנעלקייט וואָס דיביימער און פעלדער זענען אָט נאָר וואָס געלאָפן פאַר מיינע אויגן, אין וואָס טרייבן ווייטער יעצט זייער אייביקן לויפן פאַר דעם צושויער אין וואַגאָן, אין זייער אייביקן שטיין מאַיעסטעטיש, נאָר איך זע זיי שוין נישט... די

געדאַנקען מײַנע האָבן מיך געצוווּנגען פאַרלאָזן דאָס פענצטער פון מידקייט. אָבער ווי אָפּט נאַרן דעם מענטשנס משרתים, די אברים, זייער אייגענטימער. און איך—די צושויער... איך רו... די אויגן צוגעמאַכט. און דער מח צעמוטשעט פאַרחלשט... איין בילד יאָגט נאָך דאָס צווייטע, פון פיל חדשים, יאָרן...

זיי האָבן אָנגעהויבן זייער מהלך נאַטירלעך פון אַזאַ ענ־לעכן צופאַל ווי יעצט, אין אַ ווייטערער רייזע. דאָס איז געשען איין יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. 28 שעה רייזע פון „וואַרשע" ביז „וויטעבסק". מיר זענען נאָך נישט געווען פאַרשפּאַרט אין דער פרייער וועלט ווי הינטער גראַטעס. געקויפט אַ בילעט און געפאָרן. ס'איז נאָך געווען ווייניקער גרענעצן. און פאַרנדיק, אונטער דעם קלאַפּן פון די רעדער, אָנגעשריבן דעם ערשטן אַקט פון מיין דראַמע. אין דאָרף און אין שטאָט". צוויי אַקטן אָנגעשריבן קומענדיק צוריק, און נישט פאַרענדיקט. דער אינהאַלט: „דער שוידערלעכער מצב פון די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד", וועגן אויפפירן אויפן סצענע איז אָפּגערעדט בממשלות ניקאָלאַי. די פראַגע: צו וואָס געשריבן? רוח הוא באנוש. און פאַרביטע־רונג. ס'עגבערט דער מוח. ס'איז פאַרביטערט באַליידיקט אַ פאָלקס גוף און נשמה צענדליקער יאָרן.

די ממשלת רוסיה אַנטלויפט פון וואַרשע. איך שרייב דעם לעצטן אַקט רויק. „אסתר רחל גרייט זיך צום אויפפירונג און פלוצים פאַרלאָזט די געוויינטלעכע דראַמע אינגאַנצן די בינע. דעם אבן־עזורס שילדערונג פון זיין שלימזלדיקן מזל דערמאָנט זיך מיר.

ווען איך וואָלט פון תכריכים אַ סוחר זיין איינער
וואָלט אייביק נישט געשטאָרבן קיינער.
מיט ליכט האַנדלען ווען איך וואָלט נאָר פאַרטראַכט
וואָלט אָנהויבן די זון אויך שיינען ביינאַכט.

קאַמינסקיס טרופּע פאַלט זיך פאַנאַנדער און ילדער אַר־טיסט איז בע־ונד. דעם אָרט פאַרנעמען לידלעך און האַפּקעס.

דער אויסגעמוטשעטער פאַרצווייפלטער מענטש בכלל און דער ייד בפרט, איז זאַט מיט טאָג־טעגלעכע דראַמעס און טראַגעדיעס. און „צרות האחרונות משכחות הראשונות". פאַרפאַלן! אַזוי איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור. און עולם גייט אין טעאַטער פאַרגעסן זיינע צרות, נישט זען כאָטש אויפן בינע זיינע צרות, פאַרשיכּורן זיך א ווייל, פאַראַפּיומירן זיך אויף א פּאָר שעה. דער מענטש וויל און מוז פאַרגעסן די ביטערקייט פון טאָג, אַנדערש איז אוממעגלעך צו עקזיסטירן. שפּעטער א סענסאַציע: „דער דבוק", די וועלט איז ענג, ברוטאַל, מערדערלעך, גרויזאַם פאַרבאָרגן פון מענטשנס שכל, עס עגבערט דעם מתאונס פּראָטעסט: „ארץ נתנה בידי רשע"! ס'ווילט זיך געפינען א טרייסט אין „יענער וועלט" אין דעם „יושר פון דאָרט", וועלכער איז „דאָ" אַזוי פאַרשוועכט און בטול ומבוטל. דער באַליידיקטער מענטש וויל געפינען א האָפענונג אין מיסטיציזם און „נסתר". דער נגלה האַלט א שווערד אין דער האַנט און לאָקט צו יעדן. נישטאָ קיין אַנדער וועג, דוכט זיך, פאַר דעם „בחיר היצורים" און נאָכדעם—„מאָטקע גנב" האַלט זיך לאַנג אויף דער סצענע. פון איין זייט מיסטיק, א נייעס וואס פאַרשלעפערט זיס. אָנגענעם און פון דער צווייטער זייט פריילעך לוסטיק, גנבה, יושר. דער עיקר אַשס טאַלענט, אָבער פאַר א געוויינטלעכער דראַמע אין אזא אויסערגעוויינטלעכער צייט איז קיין אָרט נישטאָ. דער מענטש וויל און וואַרט אויף איבערנאַטירלעכס. — און א ביסל פריילעכערס און דאָס וויל ער כאָטש דערווייל זען אויפן סצענע. דער בלוטיקער ניקאָלאַי ווערט אָפּגערוימט פון דער וועלט „שופך דם האדם, באדם דמו ידרש". שווער צו וואַרטן ביז גאָטס משפּט, דער אייביקער בעצם האָט אזוי באַפוילן... די תאווה צו ווייזן פאַר דער גאַנצער וועלט זיינע בלוטיקע מעשים דורך זיינע בלוטיקע משרתים, שטאַרקט זיך ביי מיר. איך שיק מיין דראַמע קיין ניו־יאָרק, נאָך דער פאַרזיכערונג פון א פריינט, אַז יענער איז אַזוי אָרנטלעך ווי ער זעלבסט. איך באַקום א בריוו מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„איר האָט געטראָפן דעם ריכטיקן מענטשן. ס'איז שוין געווען א לעזונג און ווארט אויף א גוטן גיכן בריוו".

אייער איבערגעגעבענער

איך ווארט אויף דעם גוטן בריוו פון מיין רעקאָמענדירטן ריכטיקן איבערגעגעבענעם... און אין קול ואין עונה. א חודש אַ יאָר און דריי יאָר. איך באַקום קיין ענטפער נישט אויף מיינע פיל בריוו פון · דעם וואָס איך האָב געטראָפן דעם ריכטיקן מענטשן. דער היגער „פריינט" מיינער... פאַרענטפערט דאָס מיט דעם, אז ווען איך האָב אים צוגעשיקט די דראַמע איז ער געווען אָרעם און איצט איז ער א ביזנעס-מאַן.

דער חשד עגבערט מיין מוח, ביז מ. א. איז געקומען פון אַמעריקע און ווען איך לייען אים פאָר דעם ערשטן אַקט פון מיין דראַמע, זאגט ער מיר פינקטלעך די איבעריקע דריי און ווי נעווייינטלעך צוגעגעבן פאַ אַמעריקאַנסקי אַ פאָר לידלעך, אַ ביסל טענץ.

דערציילנדיק דאָס מיין „פריינט" איז געווען זיין ענטפער:

– מאַ, לייגט, און אויך איר.

אויף מיינע ווערטער: „אין החי מכחיש את החי"? איז ער געקומען צו זיך און האָט דערקלערט, אַז געוויס האָט מ. א. געהערט די פאָרלעזונג פון דער דראַמע און אים דוכט זיך, אז ער האָט זי געזען אויף דער סצענע. באורים זענען איבעריק. אַריינגעפאַלן מיטן ערבות און פטור.

דער קאָנדוקטאָר רופט אויס א סטאַציע. דער צוג שטייט, די רעדער הערן אויף צו קלאַפן און מיינע דערינערונגען ווערן איבערגעהאַקט.

איך זע דורכן פענצטער נייע אומבאַקאַנטע געזיכטער און טראַכט וועגן וועלט און מענטש אין פשוטן זין. נאָר ווונדערלעך ווי דער צוג רירט זיך און די רעדער זעצן פאָר זייער קלאַפן, רירט זיך דאָס בילד פון מיינע געדאַנקען מיט איר פאָרזעצונג ווי אין קינאָ.

מיט עטלעכע חדשים צוריק ווערט מיין דראַמע פאַרבאָטן דורך דער צענזור. איך חזר איבער, אז די דראַמע שילדערט

די יידישע לײדן פון לעצטן צענדליק יאָרן פון צאַריזם אין רוסלאַנד. געשריבן צוויי יאָר פאַר דער מלחמה, געלעזן אין טעאַטער מיט אַ דערלויבעניש אין 1915. אין די צייטונגען ווערט דערקלערט, אַז מיין דראמע איז פאַרבאָטן איבער צוויי טעמים: 1) זי איז קעגן רעליגיע (?). 2) זי פירט אַן אַגיטאַציע קעגן דער מלוכה. ווידער א פראַגע צייכן. איך בין פארביטערט און וווּנדער זיך, קיין אַגיטאַציע געפין איך נישט; איך, וועלכער האָב דאָס געשריבן. שוין-זשע קאָן מען אויסטייטשן שילדערנדיק דאָס אכזריות פון דער פינצטערער אכזריותדיקער צאַרישער רעגירונג, און אָנרופן דאָס — פירט אַגיטאַציע קעגן דער מלוכה? און דער פארבאָט איבער דעם צווייטן טעם: — די דראַמע איז קעגן רעליגיע, וווּנדערט מיך און ווונדערט מיך טאָפּלט. און יעצט שטייענדיק ביים פענצטער פון וואַגאָן, קוקנדיק אויף גאָטס שיינער נאַטור, וועלכע באַוועגט זיך, באַוועגט זיך בעתן קוקן און שטייט באמת אויף איין אָרט. און דאָך באַוועגט זי זיך, בליט, וואקסט, באפרישט און באַלעבט די גאנצע וועלט איך שעפּ אין זיך פרישע לופט, קיינער שטערט נישט איר. דער נאַ־טור, נישט מיר. קיינער פאַרבאָט נישט. און אַ נאַיווער געדאַנק לויפט מיר דורך אין קאָפּ, ווי מאַכט מען דאָס פאר מעגלעך צו שטיין אזוי אין פענצטער און לויפנדיק אַזוי צו באהעפטן זיך מיט דער אייביקער רוּקער נאַטור. די רייזנדער אין וואַגאָן טומלען הינטער מיר. און איך האָב מורא, עפּעס א שרעק באַפאַלט מיך קלערנ־דיק, אַז הינטער מיר זענען דא מענטשן. א שגעון מיט אַ ווילדער תאוה באַהערשט מיך ארויסצושפּרינגען דורכן פענצטער, אַנטלויפן פון מענטשן. איך טראכט שוין גאָרנישט. דער קאָנדוקטאָר רופט אויס א סטאַציע און איך בין זייער צופרידן, וואָס ער האָט מיר געשטערט פאָרזעצן מיינע פריערקע דערינערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר אין אַ צייט, ווען איך פאָר זיך צו קורירן אַ קראַנקער א פאַרביטערטער פון עוולות, אַן אַרבעטלאָזער. דער „עתיד" שרעקט, סיידן א נס.

איך בלעטער א העפט פון מיינעם אַ מאַנוסקריפּט און שטעל זיך אָפּ ביי די שורות:

„ווען די גאַנצע וועלט וועט מיך וועלן מבטל זיין, ביז איך בכוח די גאַנצע וועלט מבטל צו זיין מיט מיין אמת".

אַן אימה באַהערשט מיך, עטלעכע יאָר אַז די ווערטער זענען געשריבן מיט אזא גלויבן, מיט אַזאַ זיכערקייט און יעצט ווי זיי שיטן מיר זאַלץ אויף מיינע וווּנדן און מאכן פון מיר חוזק.

איך בלעטער ווייטער און לייען:

„זאָל די וועלט שעמען זיך פאַר מיר, אין מיין אומבאַהאָלפנקייט און נישט איך פאַר איר".

אויך געשריבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. און יעצט, די וועלט שעמט זיך נישט, און איך? —אַ שווידערניש! —פאַר דער וועלט שעם איך זיך נישט, נאָר פאַר זיך אליין.

איך בלעטער ווייטער און לייען:

„ווען די וועלט וועט מיך מבטל מאַכן, קאָן זיין אַז מיך וועט אַביסל אַרן, אָבער פאַרצווייפלט וועל איך נישט זיין. נאָר אין דעם מאָמענט ווען איך וועל זיין געצוווּנגען זיך אַליין מבטל צו מאכן וועט מיך באַהערשן שרעק און יאוש".

עטלעכע שורות פון א בריוו צו אַ פריינט:

„דו וווּנדערסט זיך, וואָס אין אזא אומגליקלעכער לאַגע וויצל איך זיך? דאָס איז ליבער פריינט דער העברעישער טרעפלעכער אויסדריק „צחוק מכאיב לב", וועלכער איז דאָך גובר דעם ווילן פון צו פאַרגעסן זיך, דעם „אל תתיאש". איך בין זיכער אַז ווען דער מלאך-המות וועט שוין האלטן דעם חלף אויסגעשטרעקט, נאָר איך וועל נאָך קאָנען ריידן, וועל איך אים זאָגן א וויץ".

איך פאַרמאַך מיט שרעק מיין מאַנוסקריפט און פיל זיך מיד און אָפּהענגיק ווי נאָך א שווערער נישט אָנגענעמער ארבעט. איך זע אין דמיון א סקעלעט אויסגעצויגן שטאָלץ, די גאַנצע וועלט בייגט דעם קאָפּ. ס'הערן זיך האָפערדיקע שטימען: „דל גאה! דל-גאה! דער קאָפּ ווערט פארחלשט, די זיכערקייט וואַקלט.

די לעצטע סטאַציע פאַר צ. דער צוג שטייט א לענגערע צייט. ער וועקסלט זיך און נאָכדעם פאָרן מיר צוריק. מען דער-

קלערט מיר, אַז דאָס פֿאָרן מיר צוריק מיט אַן אַנדער וועג קיין צ. איך טראַכט, אפשר איז דאָס אַ סימבאָל אויף מיין לעבן, געשטרעבט און געהאַט אויסזיכטן פאָרווערטס און מער גע־שטאַנען אויף איין אָרט און אָפטער האָט דער מזל געשטויסן צוריק, שטענדיק געלאָפן זוכן דעם אמת מיט דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג, אָפּט אָפּפערנדיק מיטן עקזיסטענץ, געלאָפן אין אַ וועג פון „צרי מכשל ואבני נגף". און דער שקר האָט מיך מנצח געווען, באַוווּלט פיזיש, מאַטעריעליש, און באַשפּיגן גייסטיק.

איך קוק אויף די ביימער, לאָנקעס, פעלדער, הייזלעך פון אַ דאָרף, אַ סטאַדע, גרינס אונטן. אַ לויטערער הימל אויבן קוקנ־דיק אויף דער שיינער ליכטיקער מחיהדיקער וועלט, קלערנדיק, אַז מיר זענען שוין נאָענט צו צ. דערמאָנט זיך מיר פּלוצים אַ נאָענט שוידערלעך בילד מיט עטלעכע וואָכן צוריק. איך לייען פאַר אַ חבר אייניקע בלעטלעך פון מיינע מעמוארן, און דער חבר, אַ פּראַקטישער מענטש, רייסט מיר איבער מיט ערנסט און פאָרוואורף מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— ווייניק ליידסטו פון זוכן דעם אמת?!... אַ מחלה וואָס ברענגט קיינעם קיין נוצן נישט, און זיך און דיין פאַמיליע צרות און צרות. אפילו נאָך דיין טויט וועט מען דיך מיט קיין עטלעכע ווערטער נישט דערמאָנען. ווען דו רירסט אָן אין דיינע מאַנו־סקריפּטן די מאַכט פון דער זיבעטער מלוכה, אייניקע פון די „סאַמאָדיערזשאַווצעס" פון דער פּרעסע.

אַקאָמפּאַנירט מיט אַ באַשטעטיקונג מיין חברס אורטייל האָט אַ פּערזאָן פון מיין בני־בית:

— אַלע שרייבן דראַמעס און פאַרדינען, און ביי אים נאַרט מען אויס אין אַמעריקע. און דאָ פאַרבאָט מען אים. אַמאָל געשריבן אין דער פּרעסע, אָנגערירט די גדולים. און פון דעמאָלט גיט מען אים אין ערגעץ קיין אַרבעט נישט. די פאַמיליע ליידט דעם גאַנצן לעבן, און ער זוכט דעם אמת. חכמת המסכן בזויה, ווער רעכנט זיך מיט דיר?...

איך האָב געכאַפּט דעם מאַנוסקריפּט און האָב אַריינגע־וואָרפן אין פייער. איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש גע־

ווײַן ווי אַ קליין קינד... איך געדענק, אַז מיך האָט קיין זאַך אין יענעם מאָמענט נישט פאַרדראָסן, נאָר איין זאַך האָט מיר ווי אַ האַמער געקלאַפּט אין קאָפּ. ווען איך שטאַרב איצט, שטאַרב איך אַ ליגנער. פון שרעק צעבישט געמאַכט דעם אמת. און ס׳קאָן זײַן, אַז אַן אויסגעמוטשעטער, געיאָגטער פון אַלע זײַטן, וועל איך זײַן געצוווּנגען צו שטאַרבן אַ פּחדן, אַ ליגנער... דאָס איבערלעבעניש פון יענעם מאָמענט לעב איך איצט איבער, און טראַכט ערנסט: „אפשר איז גלײַכער אַוועק פריער? און זינדיק איך נישט אַנטקעגן דער ליבער שטילער גוטער נאַטור?

— ציעכאָטשינעק! — רײַסט איבער דער קאָנדוקטאָר מײַן טראַכטן.

איך מיש זיך אויס מיט אַלע רײַזנדע און מיר גייען אַרויס פון וואַגאָן.

ערשטער טאָג אין קאָלאָניע.

צווייטער טאָג.

דער ליבער ש—ן, דער באַפּולמעכטיקער פון ד. אויף צו געבן אַן אָרט פאַר געזעלשאַפטלעכע-טוער א. ד. גל. פאַר אַ צוגעבנגלעבן פּרייז, נאָך יעדנס מעגלעכקייט. (דער לעצטער סעזאָן, אין דער קינדער-קאָלאָניע) און וועלכער איז ספּעציעל געקומען מיט אַ צוג פריער, איז מקבל די געסט בסבר פּנים יפות ברידערלעך. צווישן די 70 געסט איז דאָ אַביסל באַקאַנטע.

איינער אַן אומבאַקאַנטער פרעגט מיין פאַמיליען-נאָמען. איך זאָג אים. ער פרעגט ווידער מ. ד.? איך האָב נישט געלייקנט. זאָל זיין אַביסל נחת-רוח... שוין אַ סך יאָרן נישט געדרוקט אין אַ צייטונג, און מען געדענקט דעם אונטערשריפט מ. ד. און בשעת מעשה איז דער נחת-רוח געמישט מיט אַנגסט.

די געסט פון קאָלאָניע, פון פּוילן, פון די קרעסן, עטלעכע זשורנאַליסטן, כלל-טוערס, עובדי-הקהלה, לערערינס, אויפזעערינס פון אינסטיטוציעס, פרויען פון זשורנאַליסטן, פרויען פון געזעלשאַפטלעכע-טוער. צווישן די אַלע אַ קענטיקע צאָל פרייליכע. אַ געמיש פון דריי שפּראַכן.

ס'מאַכט באמת אַן אָנגענעם איינדרוק דער גאַנצער אַנסאַבל אינטעליגענציע. ס'איז ווערט צו דערמאָנען איין פרוי אַ ראַטמאַן, האַלט זיך ערנסט, ווירדיק קלוג, און איר גאַנצער באַנעם איז מאַנסביליש. חוונדערלעך, נאָך מיין פאַרביטערונג אויף דעם מין מענטש בכלל, און דער עיקר, צו חברים פון אַלע

מינים בפרט, ווייזט מיר אויס די אומבאַקאַנטע גאַנץ סימפּאַטיש און איך קריג אַ געפיל, וועלכן איך האָב שוין לאַנג געפילט, דאָס איך געפין זיך צווישן מענטשן. איבערהויפּט די פּראָוינצער פון די קרעסן, עפּעס אַן אָפנהאַרציקייט, אַ תמימות. איך וויל אַז אָנרופן אַ אידעאַליסטישע תמימות... אַזוי דוכט זיך מיר כאָטש ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, און איך בין צופרידן.

די גוטע שטימונג מיינע שטערן מיר אַפּיסל די וואַרשע־ווער. כאָטש גאַנץ סימפּאַטישע מענטשן, נאָר זיי דערמאָנען מיך די פּאַרטיי־קלאַפּעריי, דאָס שנאת־חנם, די פאַרשידענע חברים און חברות. און ס'ווערט געשטערט מיין רו.

יידיש בלוט

דריטער טאָג.

איין פרוי, די צווייטע, די דריטע ווענדן זיך צו מיר, פאַרשטענדלעך, אויף דריי שפּראַכן אויב איך האָב דעם „מאָמענט"? איך פאַריכט זיי מיט אַ שמייכלדיקע פראַגע:

— דעם ראָמאַן „דאס יידישע בלוט"?

זיי לייקענען נישט, און אונדזער שמועס ווערט שוין פאַרגעזעצט פון דעם באַגערטע „יידיש-בלוט".

צו מיטאָג באַמערקן אייניקע פון מיינע שכנים ביים טיש; אַז דער אויבנאָן איז פּריווילעגירט, זיי האָבן געהערט סי דער קעראָווניק פון דער קאָלאָניע האָט זיי אָנגעצייכנט ערטער אַן עלטערער סימפּאַטישער ייד פון די קרעסן באַמערקט מיט פאַרביטערונג און אַ פּאָר פּרויען ווילן מיך איבערצייגן, אַז זיי קימערט נישט זייער קריוודע, נאָר אויסשליסלעך מיינע, ווייל מיך קען מען דאָך. איך באַרויק זיי מיט דעם מאמר, אַז „לא המקום מכבד את האדם" וכו' און דערקלער זיי ערנסט, אַז אינטעליגענטע מענטשן דאַרפן דאָך פאַרשטיין, אַז 70 מענטשן עסן אין איין צימער, ווו מער איז נישטאָ קיין שטול צו שטעלן, קאָן קיין ייד נישט זיין וועגן כבוד, און וועגן דעם פאַרוואַלטנס אָנצייכענען עטלעכע ערטער אין מזרח וואַנט, איז לוינט נישט די גאַנצע באַמערקונג אפילו, ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקלערט קיינעם צו באַליידיקן, נאָר דאָס איז אַ שוואַכקייט און ס'פילט זיך אַ חוב ביי אַזאַ פאַל, ווייזן התקרבות צו די מערע-

רע באַקאַנטע, און וואָס אָנבאַלאַנגט וועגן מיין פּערזאָן, פאַר־
זיכער איך זיי, אַז איך האָב מיט מיין ווילן אויסגעקליבן מיין
אָרט צום סוף טיש נאָר נעבן זיי, ווייל דאָס איז מיין פּרינציפּ,
צו זיצן אין אַ געזעלשאַפט נאָר נעבן פאָלק, נישט נעבן די אָנ־
פירער פון פּאַרטייען און ריכטונגען, איבערהויפּט ביי אַזאַ פאַל
ווען מען איז אויף קוראַציע, איז געזונטער צו שמועסן געמיט־
לעך. זיי ווערן הייטערער, און מיר פירן טאַקע אַ געמיטלעכ,
שמועס גאַנץ היימיש, ווי מ׳וואָלט זיך שוין געקענט פון לאַנגן

דער רב.

פערטער טאָג.

איך באַגעגן אין פּאַרק (אין צווייטן, אין שטילן) אַ רבֿ שפּאַצירנדיק, ער מאַכט אויף מיר זייער אַ סימפּאַטישן איינדרוק אַ שיין פּאַטריאַרכאַל געזיכט און זייער ריין געקליידט. איך גיי צוריק. ער זיצט אויף אַ באַנק און לייענט. איך זעץ זיך, און ווענד זיך צו אים:

— רבי! מלא כל הארץ כבודו. נאָר דאָ, רבי אין וואַלד, אין גאָרטן, אָבער אין שטאָט ווערט פאַרשוועכט זיין כבוד.

ס׳פאַרבינדט זיך ביי אונדז אַ געשפּרעך זייער אַן ערנס־טער. צוויי קעגנזאַצן כמעט זענען זיך צונויפגעקומען, אָבער די דיסקוסיע זייער אַ רויקע, זייער אַ פריידלעכע. עס פיגורירן דער „כוזרי“, „חובת־הלבבות“, „השארת־הנפש“, „יד־החזקה“, געבונדן מיט „ניטשע“, „בעבל“, „שפּינאָזאַ“, „סמאָלענסקין“, „יהודה ליב גאָרדאָן“, „געטע“, „היינע“, „ביאַליק“, „ברענער“ און נאָך און נאָך אַנדערע.

די וועלט וואָלט שוין לאַנג געהאָלפן געוואָרן, ווען די פירער פון די פּאַרטייען און גייסטיקע ריכטונגען וואָלטן זיך אַזוי פריידלעך אויסגעהערט. איך האָב געפילט, אַז די שכינה וועלכע איז ביי אונדז ביידן אין אַן אַנדער לבוש, רוט אויף אונדז ביידן. פאַרן אוועקגיין האָט ער מיר געדריקט די האַנט מיט ליבע, פאַרשטעלנדיק זיך מיט אַ ליבן שמייכל:

— אַ פּראָווינצער רב.

איך האָב געענטפערט:

– איך, אַ גייסטיקער אַרבעטער.

איך האָב געפילט שעהן גאַנצע, אַז איך האָב געשמועסט מיט אַ גרויסן קלוגן געלערנטן מאַן בכול פּול. און אַ גרויסע גייסטיקע נשמה.

דאס פּיצעלע מאַרך

פינפטער טאָג

איך האָב געהאַט אַ שלעכטע נאַכט. פאַרן שלאָף האָב איך געשריבן אַ בריוו אַ היים, וועלכער האָט מיך אויפגערעגט. צווישן די שורות האָב איך געשריבן׳ -- איך וואָלט זיך דאָ געפילט נישט שלעכט, נאָר איין זאַך, איין חסרון. איך האָב מיט זיך גענומען דעם קאָפּ. און אין קאָפּ איז דאָ אַ פּיצעלע מאַרך וואָס נאָגט און טאָטשעט, דערמאַנט דעם „עבר", פּילט דעם „הווה", און שרעקט מיטן "עתיד". און ס׳קומט מיר אויף די געדאַנקען איובס בעקלאָגן זיך פאַר גאָט. „דו האָסט מיך געמאַכט ווי די קוילן אין צילבּרעט". די שיסער מאַכן לעכלעך אין ציל-בּרעט, אויף אַ שפּיל. אָדער אויף איבונג, זייער מיין איז נישט בכּוונה צו שעדיקן דאס ברעט. נאָר שיסענדיק אַזוי אַ לאַנגע צייט, ווערט דאס ברעט אין גאַנצן מיט לעכער. און אָפט פאַלט עס איינגאַנצן פונאַנדער. איך קוק דורכן פענצטער אין וואלד, און איך הער ווי ער מוסרט מיך „נאַרישער מענטש, וואָס פילאזאפירסטו?!. ביסט דאָך געקומען אויף קוראַציע!. האָב הנאה פון גאָטס נאַטור. ס׳איז קורץ די צייט. און מיר ווערט קאַלט און אַלע ביינער. נאָר אנשטאט גיין אין וואלד, ליג איך אין בעט אַ מידער אַ דערשראָקענער...

שטײנער

זעקסטער טאָג

איך זיץ אין גרויסן אַרומגעצײמטן װאַלד אויף „פּיאַסקעס‟, איך בעצײכן דעם נאָמען, װײל דאָס אַז דער בעסטער טריקנס־טער אָרט אין צ. אַ גרויסער װאַלד װעלכער רופט זיך פּאַרק, קענטיק װײל ס'איז דאָ פיל בענקלעך און טישלעך, און אַ צוקערניע. דער װאַלד געדיכט מיט סאָסנאָװע בײמער. בײנאַכט שטערט דער דזשאַז־באַנד פון צוקערניע, און דאָס טאַנצערײ, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דאָס קלאַפּערײ פון פּויקן און טרומײטן, און דאָס טופּערײ פון פיס. און אײנמאָל בין איך געװען אַ צושויער װי בײ אַ טישל איז אויסגעבראָכן א סקאַנדאַל פון צװײ ײדישע מיעטשיסלאַװוס בײ קאָרטן. אויך אײנמאָל איז בײ אַזאַ קאָכעדיקן טישל געשטאַנען אײנגעבויגן אויף אַ קוליע אַן עלטערער מענטש, אַ לענגערע צײט, און געבעטן אַ נדבה. קײנער פון די שפּילער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם קאַליקן אָרעמאַן. ביז אײנער קענטיק אַ בעל־רחמים פון זײ האָט גוטמוטיק געענטפערט „ניע־מאַמי טשאַס. פון דעמאָלט היט איך זיך צוקוקן צום צוקערניע. נאָר אַ מאָל אין אַן אויסנאַם בײ נאכט, װען דער טומל איז אַ בשותּפותדיקער, אַ הו—האַ, און איך בײטיק זיך פאַרשיכורן מײנע געדאַנקען מיט יענעמס אומגעלומפּערטע שמחה.

אין דעם װאַלד פאַרברענג איך דעם גרעסטן טײל טאָג פון מײן זײן דאָ. איך קוק זיך אַרום, און אויפן פינפטן טאָג

פון מיין זיין דאָ אין וואַלד. באמערק איך אויסגעלייגטע שטיינער. אויף יעדער פינף צען טריט א שטיין, איך האָב זיי ביז יעצט נישט באַמערקט, און וואונדער זיך. אָט אזוי באמערקן מיר נישט אָפט, דאָס וואָס איז נאָענט נעבן אונדז, מעג זיין ווי קענטיק און ווי גרויס, אויב דאָס איז נישט קיין בעל־חי. איך פארקלער זיך, און זע אין פאַנטאזיע א בית־עולם פאַר מיר, (אפשר איז גורם צו דעם די שטילקייט פון וואַלד) איך לייען די אויפשריפטן אויף די שטיינערנע מצבות, און ווער פאַרציטערט. דער גאַנצער שקר פון עולם־החי אויך אויפן דעקל פון עולם־האמת?! „צדיקים,” גרויסע עוסקי בצרכי צבור באמונה, „נדבנים” א. א. ו. מענטשן וועלכע איך האָב פערזענלעך געקענט פאר אכזרים, צבועקעס, קליינלעכע נשמות. איך זע ווייטער א ייד פירט א מצבה, איך לייען איבער מיין נאָמען, מיין טיטל, איך דערקען נישט, איך פארשטיי נישט. ס'לייענט זיך נישט. איך שריי אויס: — רבי ייד! קריצט אויס אויף דעם שטיין וואָס איך דיקטיר אייך, ווייל איך אַליין האָב זיך גאָר געקענט, קיינעם קיינעם האָט זיך נישט געלוינט אויסצוקריצן אויף מיין מצבה דעם אמת פון דעם וואָס ליגט אונטער אים. קריצט אויס, אַז פ. נ. אַ מענטש, וועלכן מענטשן האָבן נאָך ביי זיין לעבן אָפגעטייט, ווייל ער האָט זיך דערלויבט ווייזן דעם בולטן שקר פון זייער גרויסקייט און פון זייער שקרדיקן אמת. אַ מענטש, וועמענס פיזישע און גייסטיקע כוחות ס'איז געווען פון א פליג און פאַרמעסטן זיך געוואַלט פירן מלחמה־מיט צווייפיסיקע לייבן און בערן, אַ מענטש וועלכער האָט אָפגעלעבט. (איך דערשרעק זיך, איך זע נישט דעם חשבון פון די יאָרן) און האָט קיין עטלעכע טעג נישט געוווסט פון קיין מנוחה. זייענדיק פון דער נאַטור א „אוהב את הבריות”, איז געווען שטענדיק אַ „איש ריב ומדון”, א שותף אין צרות צו איובן, און א גלגול פון ירמיהון. איך דערוואַך זיך אויף א ווייל, ווי פון היפּנאָז און מאַך צו ווידער די אויגן מיט ווייטאַק און זע אַן אַנדער בילד: מענטשן ברעכן די שטיינער פון רוקן וואַלד און וואַרפן אין שויבן און מענטשן, צעשפּאַלטן קעפּ. איך ווער פארטראָגן

אין א מדבר אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע. א פאָלק אן אויסגעלייזטס פון שקלאַפעריי פון די הענט פון אַן אכזר. שטייט נעבן א שטיין אין דער מדבר, דאָס פאָלק איז דורשטיק, דער געטלעכער גרויסער אומשטערבלעכער משה, וועלכער האָט מיט זיין ווונדער-שטעקן געשלאָגן דעם מצרישן אכזר, שלאָגט דעם שטיין ער זאָל זיך רירן פון זיין אָרט און דאָס אויסגעמוטשע-טע דורשטיקע פאָלק זאָל טרינקען פון קוואַל וואָס אונטער אים. דער גרויסער אוממידלעכער פירער איז אַלט און די מאָס פון געדולד שעפּט זיך אויס פון די אָנצאָליקע פרעטענזיעס פון הונדערט טויזנטער מתאוננים, דער אייזערנער געדולד אפילו פון דעם געדולדיקן גרויסן פירער נעמט זיך אויס. ער לאָזט נישט אַרויס פון האַנט דעם ווונדער און וואַנדער-שטעקן מיט וועלכן ער איז געצוווּנגען געוועזן צוליב די פאָלקס-גאולה שלאָגן און שלאָגן, ווייל פון אייביק אָן איז דאָ מענטשן וואָס קאָנען נישט און ווילן נישט פאַרשטייען קיין מויל-שפּראַך, נאָר א האַנט, א שטעקן שפּראַך און „הרגל נעשה טבע”, ער פאַרלירט זיך און אָנשטאָט ריידן, בעטן די נאַטור, ווי די השגחה באַפעלט אים דעם ערשטן מאָל, בעטן און געפינען מיטלען מעסיקע אויסגעפאָרשטע צו דעם דומם און צומח, ווען מען מוז האָבן זייער נוצן, שלאָגט ער דעם שטיין. דאָס פאָלק טרינקט מים-חיים און לעבט אָפּ, און דער גרויסער פירער, דער גרויסער לערער באַצאָלט מיט זיין לעבן. די השגחה אורטיילט, און ער זעלבסט פילט, אז אפילו דער גרעסטער פון אלע גרעסטע ווען ער פאַרלירט דעם געדולד קאָן ווייטער נישט פירן.

און דער געטלעכער פירער זעגנט זיך מיט זיין פאָלק, בענטשט זיי. און באַשטימט אויף זיין אָרט זיין יינגערן תלמיד. דאָס פאָלק גייט אין מדבר, טראָגט מיט זיך דעם געטלעכן לערערס תורה. וואַנדערט שוין עטלעכע טויזנט יאָר איבער ישובים פון דער גאַנצער וועלט.

הויך פלאַטערט און מאַניפעסטירט די פאָן פון גאטס דבור: „לא תירצח”! און איך זע ווי מען ברעכט שטיינער און מען פלעט קעפּ די מאַניפעסטירנדיקע.

„זו תורה וזו שכרה”!

איך פארלאָז אָן כוח דעם גוטן שטילן וואַלד מיט די שרעקיקע פאַר מיר, די באמת רויִקע אומשולדיקע שטיינער און ליג אויף מיין בעטל, אין מיין קאָלאָניע-צימער, צווישן הו-הא פון מיינע פארשידענע שכנים.

רעכטס און לינקס.

זיבעטער טאָג.

ס'איז צוגעקומען פון נעכטן צו אונדז אין קאָלאָניע ח. א. און פאַר איין טאָג האָט ער דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון אַלע פרויען און מיידלעך. ער האָט שוין איבערגעטאַנצט מיט אַלע, וועלכע טאַנצן נאָר, און טאַנצט באמת אַרטיסטיש שיין. נאָר דאָך „הכּל במזל תּלוי”. א ווונדערלעכן כּוח־המושך האָט דער מענטש צו דעם מין היפה. און נישט איינער איז אים מקנא אין ווארשע און איך שוין דאָ אין צ. ס'איז נאָך אוונט־ברויט. רעכטס פון מיין צימער וווינען צוויי פריילנס, שטילע איינזאַמע, ווי אָפּ־געזונדערט פון דער גאַנצער קאָלאָניע. זיי בעטן ביי מיר אָפט א צייטונג. איך ווייס נישט ווער זיי זענען, נאָר דאָס ווייס איך אַז זיי זענען חלוצות פון א קבוצה. איך פרעג זיי, אויב זיי ליי־ענען רוסיש, האָב איך קאַראַלענקאָס א בוך פון זיינע לעצטע מאַנוסקריפּטן, געדרוקט אין בערלין. איינע ענטפערט עניוותדיק און פאַרשעמט:

— איך האָב געענדיק א רוסישע גימנאַזיע.

איך האָב זיך דאס מאָל צוגעקוקט צו זייערע געזיכטער און האָב דערזען א פיזישן גייסטיקן צער אויסגעגאָסן אין זייערע אויגן און יעדנס געזיכט זאָגט עדות, אַז די וועלט האָט זיי נישט געפּיעשטשעט און זיי זענען שוין באַלאַסטעט מיט גרויסע שווע־רע פּעק לאַסט פון דעם שיקזאַל.

לינקס פון מיין צימער פאַרנעמען א וווינונג, דריי טאַנצ־

דיקע שטענדיק-לוסטיקע מיידלעך, אויך יעצט הו—הא. זיי זע־
בען געקומען די פאַריקע נאכט פון שפאציר לאחר-חצות און זיי
מיט זייערע באַגלייטער, האָבן מיר און מיין צווייטן שכן פון
צימער געשטערט דעם שלאָף א לענגערע צייט. איך רייד אויס
אין א וויץ מיינע שטענדיק טאנצנדיקע שכנות.

— מיינע טייערע שכנות! שיינע מיידלעך זאָלן שטערן
דעם שלאָף און נישט אָנקוקן אפילו זייערע פנימער, אַזא ביטערן
מזל האָט שוין אַן אלטער.

איך בין מוסיף מיט א געמאַכטן שמייכל האלב ערנסט און
דאָך איז מיין מיינונג, אז אומעטום איז א חוב צו געדענקען, אַז
נאָך ווער לעבט אויף דער וועלט אויסער מיר. און האָבנדיק
פארגעניגן פון שרייענדיקן אַמוזירן זיך, דארף מען אין זינען
האָבן נישט שטערן דעם צווייטן ביז ליידן. און א באַווייז איז,
אז אין עס-צימער איז געמאָלדן שריפטלעך: „ס'איז פאַרבאָטן צו
שטערן די רו נאָך 10 אָוונט". ה. א. איז איינשטימיק און איז
א פּסק, אַז אין אזא אָרט איז אַלץ דערלויבט. איך פאַרקלער זיך
און טראכט — „פונוואַנען קאָן פאָרט קומען דער תקון העולם,
און רעכטס, אָדער פון לינקס?..."

מינים בעדער — מינים קור־געסט.

אכטער טאָג

איך גיי ארום מיט מיין גלאָז קאַרלסבאדער וואסער און שעם זיך פאר מיר אליין, מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק, האָב איך אָנגעשריבן א הומאָריסטישן פעליעטאָן וועגן דעם הלכות וואסער און יעצט טרינק איך ווי דער ד״ר האָט באפוילן און בין נאָך מוסיף א סך און באמי זיך צו זיין א מהדר מן המהדרין בהלכות וואסער טרינקען. דאָס איז די נקמה פון דער צייט.

פון הלכות קארלסבאד־וואסער גיי איך מקיים זיין הלכות געזאלצן וואסער, דאָס הייסט א סאָליאַנקע וואנע. איך באגעגן זאטע רויקע פריילעכע געזיכטער פון איין זייט, מיט די באָד־לאָקנס גדלותדיק בהרחבהדיק און עס איז קענטיק, אז זיי פעלט מער ווי א קרענק און פון די צווייטע זייט, אויסגעהונגערטע נפשות, קוים וואָס זיי שטעלן א טראָט. אין די אויגן פאַרצווייפלונג און מען דערקענט אין זייער געזיכט און אין זייער גאנצן הלוך, אז זיי האָבן מער נישט ווי א קרענק.

מיין יידישע רעזורע און „עמך״.

נײַנטער טאָג.

איך זוך א יידישע רעזורע און זוכנדיק שטארק, א היבש מהלך פון מיין וווינונג, האָב איך בעז״ה געפונען.

עס ראזירט מיך אין דער יידישער רעזורע א גוייִשער סוביעקט און צעשניידט מיר די באק. איך וויצל זיך קומענדיק. „את אשר יאהב ה׳ אותו יוכיח״ גאָט האָט מיך זייער ליב, ער וויל נישט מינערן א האָר פון מיין עולם-הבא און באצאָלט מיר גלייך פאר דער מינדסטער עבירה אויף דער וועלט און דערצייל מיין דערפאָלג, אַז גייענדיק טון א קלייניקע עבירה, ווי אַנדערע מיינען, וועלכע איז דאָסמאָל פארבונדן מיט דער מצוה בין אדם לחברו, האָט גאָט מיר גאָר יושרדיק באצאָלט און דערצייל ווידער, אַז מיין ליבער פריינט, וועלכער זאָרגט וועגן מיין געזונט פאָטערלעך ד״ר הורוויץ האָט מיר פאַרבאָטן צו שרייבן אזעלכע זאכן וועלכע שטערן מיין רו און מיינע נערוון. איז מיר טאקע געשען א גאנץ שיינער וויץ, נאָר איך האָב באצאָלט פאַר מיין יידישקייט מיט בלוט.

איך שפּאציר פארנאכט אין פּאַרק. די מוזיק שפּילט, די שפּילער פון ווארשעווער פילהאַרמאָניע. ס׳איז א גייסטיקער פארגעניגן. צוליב שבת שפּילט מען פאַרפּורייען פון פארשידענע יידישע אָפּערעטקעס, מערסטנס פון דער „רומענישער חתונה״ און ביי „מאָטקע נאָך אַ מאָל״ העלפט עולם צו. דער עולם איז אַ געמישטער נאָר דאָס רוב אין דריטן סעזאָן איז „עמך״. אַ מיטליעריקער

ייד אין א היטל פון יעקל שאַבשאָוויטש טאַנצט שטייענדיק אויף
איין אָרט. אויף זיין געזיכט איז אויסגעגאָסן קינדערשע ששון
ושמחה. דעם עולם אַמוזירט די זאַך, און ס'איז א פֿריילעכער
טומל צווישן „עמך".

„יאַר מעג“ און „יאַ ניע פּאַזוואַלאַם“.

צענטער טאָג.

אַ קליינעם שפּאַס האָב איך זיך דערלויבט, וועלכער האָט מיר פאַרשאַפט פיל פאַרביטערונג, און געשטערט מיין שלאָף אַ גאַנצן נאַכט.

אין לעז-זאַל האָט מען נאָך קאָלאַציע געטאַנצט. איך מיט נאָך עטלעכע נישט טאַנצנדיקע זענען געזעסן ביים טיש פון די צייטונגען, ווו דער פּאַטאַפאָן איז געשטאַנען. זייענדיק שוין פאַרטייבט פון דעם טאַראַראַם פון די מאָנאָטאָנע שרייערייי פון די פּאָר טענץ, וואָס רעשט גאַנצע שעהן, וועלכע ווערן באַגלייט פון פיס, און גאָרגלדיקן לאַכן און זינגען, האָב איך געבעטן דעם, וועלכער איז געזעסן ביים פּאַטאַפאָן אַוועקצולייגן די פּליטע פון „אדם יסודו מעפר“. אין דער זעלבער מינוט איז צוגעלאָפן מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים פון בושה אַ מיטליערי-קע פרוי, אַ גאָספּאָדיניע פון אַ וואַרשעווער קינדער-אינסטיטוציע, און האָט מיט שרעק און איפּרעגונג אַרויסגעכאַפּט די נאָדל. אין צימער זענען געזעסן צוויי עלטערע הערן, אירע געסט, און — דאָ פּלוצלינג אַזאַ שאַנד! אַזאַ געזעלשאַפט! (די זעלבע האָט געפרעגט דעם גאַסט וואָס עסט אין קאַפּעלוש פון אונדזער קאָלאָניע ווען מען בענטשט ראש-חודש) און די טאָכטער פון אונדזער גאָספּאָדיניע פון קאָלאָניע, אַ מיידל פון אַ יאָר 15 איז צוגעלאָפן מיט אַן עזותדיקן געשריי צו דעם עלטערן בכבודן

יידן, וועלכער איז די געוואלטיקע עוולה באגאנגען בשעת־מצוות טאנצן, און נאך פאר קולטורעלע געסט.

— צא טאקעגא? טען פאטאפאן נאש, יא ניע פאזוואלאם! ניע וואלנא!

דער טרויעריקער עפיזאד האט מיך דערמאנט א דערינערונג מיט העכער 30 יאר צוריק. כמעט אזא בילד, נאר אין אן אנדער לבוש.

איך בין נאר וואס געקומען פון רוסלאנד, און בין פארפארן קיין אטוואצק. מיין שכנה פון באנק אין וואגאן, א יונגע פרוי, רייך געקליידט, גאלד און בריליאנטן אויף די פינגער און אין די אויערן. א גאנץ שיינע, אין א פארוק זייער אן עלעגאנטן, נאר ווען מען האט זיך גוט צוגעקוקט האט מען דערזען א צעבאלעוועט געזיכט מיט בהמהשע אויגן. אויפן פעראן איז געשטאנען קעגנטיק איר זוווג אן אויסגעווייקטער יונגערמאנטשיק, אין א לאנגער קאפאטע, א קליין היטעלע. מיט א שטראלנדיק פארשעמט געזיכט, נישט אראפגענומען די אויגן פון זוגתו, דערווייל איז אריין אן אלטעטשקע ציכטיקע יידענע, ארעם אבער זייער ריין געקליידט. איך האב איר געהאלפן זעצן זיך נעבן מיר. די אלטעטשקע האט אוועקגעלייגט א קליין פעקעלע אין א זויבערער רויטער פאטשיילקע. דער צוג האט זיך גערירט און דעם איטשע מאירס צעפיצעשטעטע, ברילאנטענע כשרה בהמהלע האט זיך צעבייזערט אויף דער בנצימותדיקער ריינער „קופקעלע״

— קיין אנדער ארט האבן ענק נישט געפונען? און נאך פאנאנדער געווארפן זיך מיט די פעקלאך.

די אלטע האט אפגערוקט איר פעקעלע זייער רויק, און מיט די זעלבע רויקייט באמערקט:

— איר זיצט דאך גאנץ באקוועם אויף אייער ארט, און נעבן אייך ליגן דאך אייערע פעקלעך, מער ווי מיינע.

— יאך מעג! — איז געווען א באוווסטזיניקער דעספאטישער אויסגעשריי.

די זעלבע אומרויקייט, וואס ס׳האט אויף מיר געמאכט די אוממענטשלעכע ווילדע האנדלונג פון דער גאלדענער עגלה אין

זאָגאָן מיט העכער 30 יאָר, דער זעלבער געוואַלטיקער רושם וואָס ס׳האָט אויף מיר געמאַכט דער „יאַך מעג!" פון דעם צע־ פיצשטשעטן רייכן ווייבל דעמאָלט, אַזוי האָט אויף מיר איצט געמאַכט דער „ניעוואָלנאָ!" „ניע פּאָזוואָלאַם!" פון דעם 15 יע־ ריקן אַסימילירטן מיידעלע. גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ דור ס׳זענען אַרויס פון יענעם „יאַך מעג". און וואָס פאַר אַ קינ־ דער מיר דערוואַרטן פון דעם „ניעוואָלנאָ" און „ניע פּאָזוואָלאַם!" און וואָס דערוואַרטן מיר פאַר אַ פרוכטן פון די קינדער וועלכע געפינען זיך און ווערן דערצויגן אונטער דער אויפזיכט פון אַזאַ גאָספּאָדיניע אין אַ יידישע אינסטיטוציע פאַר קליינע קינ־ דער, וועלכע דערשרעקט זיך פון בושה פאַר דער פּליטה פון אדם יסודו מעפר, אין געגנוואַרט פון אַ פּאָר אַסימילירטע געסט און — עס שוידערט ביי דעם געדאַנק.

מענטשן און קינדער.

עלעפטער טאָג.

עפּעס אומהיימלעך ווערט, וואָס מער מען באַקענט זיך מיט מענטשן, וואָסערע גוטע ליבע מענטשן ס׳וואָלטן אַלץ געווען אויף דער וועלט, מען זאָל אַלע דריי טעג האָבן אין געזעלשאַפט ביי באַקאַנטע, און אויפן פערטן טאָג, שיידן זיך מיט זיי, איידער מען באַקענט זיך מיט זיי נעענטער...

ווען איך באַקען זיך מיט נייע מענטשן, זענען זיי מיר ליב און סימפּאַטיש, איך האָב פּשוט הנאה פון דעם בחיר היצורים און שפּעטער אַ ווייל, וואָלט איך גערן אַנטלויפן. איך האָב זיי גאָרנישט, איך זוך נישט, און זע נישט קיין חטאים אין זיי, נאָר עס שטויסט מיך אָפּ פון זיי, זעענדיק, אַז דאָס רוב פון זיי האַלט זיך פאַר אָרנטלעכע און איז יוצא פאַר זיין געוויסן מיט דעם: „איך גנבע נישט קיין בייגל״...

און ס׳דערמאָנט זיך מיר אַן אַלטע פאַבל פון אַליקום צונזער מיטן נאָמען „דאָס געפייגערטע פערד״, ווי אַ מגיד איז מספּיד אַ בר-מנן, וועלכער איז פאַרדעקט מיט אַ שוואַרץ בגד, און דערציילט זיינע שבחים, אַז דער נפטר האָט דאָס נישט געטון, יענץ נישט געטון, וואָס מען טאָר נישט. דער עולם חידושט זיך פון דעם פאַרשטאָרבענעם צדיק, וואָס ער האָט דאָס נישט און יענץ נישט געטון, ביז דער מגיד האָט אויפגעדעקט דעם בגד פון מת און דער עולם האָט דערזען אַ... געפייגערט פערד...

וואָס טויג מיר די שבחים פון „ניין״ ווייזט מיר דעם יאָ

איך קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם „איך טו נישט קיין שלעכטס". אַ מענטש מוז און מוז טון גוטס. וכשאני לעצמי מה אני?" ווען איך בין יוצא אין פאַרטראָגן נאָר מיט זיך, הגם אפילו איך טו קיינעם קיין שלעכטס מיט דעם, איז דאָך דעמאָלט דער „ומותר האדם מן הבהמה אין" און ווו איז די נשמת אלוה? און דעריבער וואָלט איך, ליבע מענטשעלעך געוואָלט גיכער אַנטלויפן פון אייך, מיט דער גרעסטער ליבע צו אייך, און מיט אַן אמתן זייט געזונט!

דערפאַר באַפרידיקן מיך אינגאַנצן די קינדערלעך! איר זייט מיין גאַנצער גייסטיקער פאַרגעניגן און פאַרוויילונג דאָ אין מיין קוראָרט. איך פאַרווייל זיך מיט זיי, מיט די קליינע מלאכימלעך ווי אַ חבר. זיי פאַרוויילן מיך מיט זייערע קינדערשע מעשהלעך, מיט זייער גאַנץ תמימותדיק ריין פריילעך וועלטל. איך זע, אַז זיי פילן אינסטינקטיוו מיט זייער געזונטן ריינעם חוש, אַז איך, דער גרויסער האָב עפּעס געמיינזאַמס מיט זיי בין נאָענט צו זיי, אַז איך האָב אַ שיכות צו זייער וועלטל.

אין פּאַרק זיצט נעבן מיר אַ פריילין מיט אַ פינף יעריק קינד, ס'קוועטשט זיך אַריין צווישן אונדז אַ מיטליעריקע „טעלצע" אָן אַ פּשעפּראַשאַם. זי מאַכט זיך בסדר באַקוועמער, נישט רעכנענדיק זיך מיט קיינעם, ווייל זי דאַרף אָן עין-הרע צוויי ערטער, און פּלאַץ איז דאָ פאַר איינעם אַ געוויינטלעכן בשר-ודם אָבער נישט פאַר אַזאַ בהרחבהדיקע יידענע. איך לעז פון איר געזיכט אירע מחשבות — אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר, אויב נישט דאס גאַנצע בענקל, וועלכעס איז נאָענט צו דער מוזיק, זאָל כאָטש איינער אָפּלאָזן זיין אָרט צוליב איר גאַנצער באַקוועמלעכקייט. מענטשן מעגן דאָך האָבן דרך-ארץ. נאָר זעענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין יושר און קיין דרך-ארץ אויף דער וועלט, מאַכט זי זיך אַליין באַקוועמער און באַקוועמער, ביז אַלע געסט פון דעם בענקל פילן עס זייער שטאַרק, און טעלצעס געזיכט איז מיט אַ ברוגזער מינע, ביז זי שטופּט דאס יינגעלע מיטן גאַנצן כוח אָן צערעמאָניעס. דאָס קינד קוקט און ווונדערט זיך אַ קליינע ווייל, און פלוצלינג שפּרינגט עס אַראָפּ פון

בענקל, איננאנצן אן אויפגעקאכטס ווענדט עס זיך צו איר מיט א קוויטשעדיק קולכעלע:

— צאַ פאני מישלי, יא יעסטעם שווינע?

און לאָזט זיך גיין, די פריילין הייבט זיך אויף מיט א שמייכל, און גייט אים נאָך.

אלע ווענדן די אויגן אין איין זייט ווען די מוזיק שפּילט. א קינד שטייט אויף א בענקל און דיריגירט מיט א שטעקעלע נאָכן טאַקט מיט גרויס ענערגיע, און אויסערגעוויינטלעכער פיזישער באַוועגונג. עס זיצן נעבן מיר אָפיצירן און באַוואונדערן. נאָכן שפּילן פרעג איך דער פרוי, די מוטער פון דעם יינגעלע „אויב זי ווייסט, אַז איר קינד האָט מוזיקאַלישע פעיקייטן, צי האָט ווער איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם? און וויפיל איז אַלט דאָס קינד?" זי ענטפערט: „מיין קינד איז אַלט פינף יאָר, ער איז א יתום, איך בין נישט פאַרמעגלעך. און ווערט אַנט-שוויגן מיט א זיפץ.

אוירא מיידלעך, און פלירט פריילינס

צוועלעפטער טאָג.

נעכטן אָוונט בשעתן טאַנצן אין לייען-צימער, הגם ס'איז נישט קיין פּאָר קליידער ווי מען קאָן פון וייטן אורטיילן, נאָר באמת איז דאָס דאָ גאנץ באקוועם און פארשטענדלעך, אז קיינער פון אונדז פּראָטעסטירט נישט. א ווייל לייענט מען, א ווייל קוקט מען זיך צו, צו די טענץ. ס'וואָלט באמת געווען גאנץ גוט און געמיטלעך, ווען נישט דער פּאַטאפאָן, אפילו נישט קיין נערוועזשער רעגט זיך אויף. הגם באמת קאָן מען אָנרופן יעצט די וועלט א טאַנצנדיקע, ווו ס'זענען קיין טענץ נישטאָ. איך געדענק אמאָל, אמאָל אין יענע נישט קולטורעלע טאַנצנדיקע צייטן, האָט מען געטאַנצט פארשידענע טאַנצן, קאַדרילן, מאַזורקעס, פּאָלקעס, וואַלסן און נאָך, און נאָך, און יעצט ווי איך זאָג אייך, אין א משך פון עטלעכע שעה קאָן מען זיך רירן פון זינען, פון מאָנאָטאָנקייט. דער פּאַטאפאן קלאַפּט שעהן גאַנצע איין נגון, די פיס שפּרינגען און דער מוח פון צושויער ווערט מבולבל און פארהלשט.

איך בין פארטיפט אין א צייטונג. דער פּאַטאפאָן איז גאָט צו דאַנקען אנטשהיגן געוואָרן אויף עטלעכע מינוט, דער קאָפּ רוט זיך אויס א ביסל, הגם בעת דער הפסקה פון פּאַטאפאָן ארבעטן די שטימען. אַ גרויס געלעכטער, א זינגעריי, א הו-הא, נאָר דאָך לייען איך רויקער. און פּלוצים הער איך א טופּעריי, א פריילער געלעכטער. איך הייב אויף די אויגן און זע מיינע

שטילע שכנות די חלוצות געאָרעמט מיט עטלעכע פריילינס פון די סטאַרן-טענצעריגס שפרינגען אַלע ארץ-ישראלדיקער אוירא-טענץ. מען דרייט זיך און מען שטעלט זיך אָפּ פלוצים מיט א געלעכטער און א ביסעלע פאַרלוירן. די שטענדיק רויִקע, שווייגנדיקע זינגען ענטוזיאַסטיש. די פנימער שיינען ביי די צוויי חלוצות פון אינער-לעכער באגייסטערונג מיט שמחה. און די שטענדיק פריילעכע, לעבעדיקע, לוסטיקע אויך יעצט שמייכלענדיקע, אָבער ווי פאַר-שעמטע.—צוויי וועלטן, צוויי אנדערע שמחות.

שפעטער א ווייל פרעג איך ביי די צוויי חלוצות, צי זענען זיי געווען היינט אין פאַרק? די מוזיק האָט היינט זייער שיינע זאַכן געשפילט. זיי ענטפערן, אז אין די צוויי וואָכן וואָס זיי זענען דאָ, זענען זיי אין פאַרק נישט געווען, ווייל זיי האָבן נישט קיין בילעט פון קור-טאַקסע. זיי האָבן נאָך נישט די עט-לעכע זלאָטעס, זיי דארפן דערהאַלטן א ביסל געלט; זיי לייקע-נען נישט אז זיי ווילן הערן די מוזיק. איך גיב זיי מיין בילעט און דעם בילעט פון מיין שכן פון צימער, זיי זאָגן זיך צום אָנפאַנג קאַטעגאָריש אָפּ, נאָר ווען איך פאַרזיכער, אַז ביי אונדז פרעגט מען נישט קיין בילעט, ווייל מען קען שוין אונדז. נעמען זיי און דאַנקען. ס׳דריקט דאָס האַרץ און ס׳טראַכט זיך און טראַכט זיך, וועגן אַ גאַנצע גייסטיקע צעמוטשטע אידייאישע וועלט וואס גייט דורך פאַר די אויגן.

איינע דערציילט טרויעריק, אבער מיט שטאָלץ, אַז זי אַרבעט און קבוץ 18 חדשים. אַ שווערע אָבער אַ ליבע אַרבעט. אַ סך אַ סך מאָל געהונגערט, געזעסן ברויט אין חלום! אָבער זיי באַ-ליידיקן זיך, וואָס איך וווּנדער זיך וואָס זיי קריגן נישט קיין שטיצע. דער „מרכז" פון ווארשע האָט אונדז געשיקט געלט, אָבער דאָס איז אויף דעם הויז וואָס עס בויט זיך ביי אונדז, אַ שטיצע אויף עסן וועלן מיר נישט נעמען קיינמאָל און מיר וואָלטן געוואָרן זייער באַליידיקט, ווען מען וואָלט אונדז פאַר-לייגן. אויף יום-טוב בין איך געווען אינדערהיים. מײַנע עלטערן זענען נישט אָרעם, נאָר איך וועל ביי זיי נישט נעמען, איך בין נישט קיין קליין קינד. די מאַמע האָט מיך נישט געוואָלט

פֿאַלאָזן צוריק, זי האָט געוויינט, רעכענענדיק אז איך זע אויס זייער שלעכט. נאָר גאָרנישט, ווער קאָן קלערן וועגן אַזעל־כע זאכן? אָבער די לעצטע צייט זענען מיר ביידע זייער שוואַך, נאָר דער קבוץ האָט אונדז געצוווּנגען צו פֿאָרן קיין ציעכאָ־צינעק.

איך האָב שוין לאַנג דעם אמת נישט געקוקט אין די אויגן אַריין ווי דאָסמאָל הונגעריקערהייט לערנען זיך דאָ דיינע זין און טעכטער „ציון" דיך צו בויען דאָ אין „גלות" און הונגעריקערהייט בויען זיי אונדזער היים אין לאַנד גופא..."

דער געפּיעשטשעטער.

דרייצנטער טאָג.

אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גמינע פון אַ שטעטל אויף די קרעסן, אַ מפורסם אין קאָלאָניע. ווען ער דאַוונט הערט דער גאַנצער הויף. דער ערשטער פּראָטעסטירער בײַם עסן בקול־רם. ער דערציילט יעדן באַזונדער, אַז ער איז אין זיין שטעטל דער ערשטער עסקן אין אַלע וואָלטעטיקע אינסטיטוציעס. און די וועלכע פאַרגינען אים נישט זיין כבוד וואָס ער פאַרדינט כשר פאַר זיין מי, און מאַכן שבת פאַר זיך – פאַלן דורך.

ער דערציילט אָבער דאָס נישט חס־ושלום לשם־גאווה. נאָר קען די נישט ברי־השע פירונג פון דעם „קעראָווניק" פון קאָלאָניע... „ווען איך וואָלט דאָס אָנגעפירט, וואָלט איר זען"!. ריידן, רעדט ער ווי אַן אומשולדיק נאַיוו מיידל, און יעדער וואָרט וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל, איז ווי אַ בן־יחידל וואָס פּיעשטשעט זיך ביי דער מאַמען. אין כאַראַקטער–נישט קיין שלעכטער, נישט קיין קליינלעכער און געלט־זאַכן, און דאָך אָפט איבערדריסלעך: און האָט אַן איינבילדונג אַז אַלע מוזן פרעגן זיין עצה. און פאַר דער קליינער צייט וואָס ער איז דאָ, איז ער שוין אַ גאַנצער קאָכלעפל אין שול. אין די ווילטעטיקע אינסטיטוציעס דאָ. און קומענדיק רעדט ער ווי מיט זיך „ווען איך וואָלט דאָ געווען אַ לענגערע צייט. וואָלט איר זען ווי איך וואָלט דאָס אָנגעפירט! וואָס פאַר אַ פאָריאַדאָק ס'וואָלט געווען". און אויך איז ער איינבילדעט דער טאַטע פון גרויסע קינדער אַז אַלע האָבן אים ליב. און אַט דער „פרומער ליטוואַק פון אונדזער קאָלאָניע"

ווי מען רופט אים. קאָן מיט קינדערשער באַגייסטערונג מיך באַגעגענען מיט אַ זייער נאַרישער מינע און דערציילן מיט מתיקות, אַז מאַרטע (די שיקסע וואָס רייניקט אונדזער צימער) האָט אים זאָגנדיק אין דער פרי גוט-מאָרגן, מוסיף געווען „מוי-קאָכאַני". און שעפטשעט מיט די ליפּן ווי אַ תפלה. „אַ חיות אין אירע ביינער". און זאָגן, זאָגט ער דאָס ווי אַ נאַריש קינד. און מען קאָן אים בשום-אופן נישט חושד זיין אין אהבת שיקסע. נאָר ער האָט אומבעגרענעצט הנאה פון חניפה. און איינמאָל ביים טאַנצן, זיצנדיק נעבן מיר ביים טיש פון די צייטונגען, איז ער באַגייסטערט פון איין טענצערין. און זיצנדיק דער איינציקער אין קאַפּעלוש, שיקט ער איר פון וויטן (שטעלט זיך פאָר דאָס בילד.) אַ לופט-קוש און שעפטשעט מיר מיט שמחה בנעימות „אַ לעבן אויף איר". אַלע לאַכן, און ער לאַכט אויך מיט גרויס הנאה. אויך איז ער פעסט זיכער אַז אַלע האַלטן אים פאַר א „חכם". ער חכמהט זיך זייער אָפט. דאָס איז אמת, נאָר אויב זיין חכמהנען זיך איז פאַרבונדן מיט חכמה איז אַ גרויסער ספק. קעגזיק, קהל פּיעשטשעט אים און חנפהט אים, און זאָגט „קבלתי" אויף אַלץ, ביי אים אין שטעטל, ווייל ער איז דער בעל-המפתח, און דעה-זאָגער פון די ביכער אין גמינע. און אָט אַזוי האָט ער זיך צוגעוויינט „אַז ער איז דער „חכם" ער איז דער „טאָן-געבער" ער איז דער „בריה" און דער „מטיב-לכל". און ווען אין אַ ניי אָרט פּיעשטשעט אים קיינער נישט, פּיעשטשעט ער זיך אַליין. און פּרוווט אָפּט פּראָטעסטירן, מושלען ווי ביי זיך אין שטעטל. נישט פון שלעכטקייט און גראָבקייט, נאָר פון גע-וויינהייט: קהל האָט אים צוגעוויינט אַז ער מעג. און אָפט פאַר-געסט ער פשוט ווו ער איז. און ער קוקט אויף אַלץ ווי אויף זיין גמינע, אויף זיין שטעטל...

דער דהאַרטער ליטוואַק.

פערצנטער טאָג.

וואונדערליך, דוקא פון די ווייבער קאַנסטו באַפרייט ווערן פון דעם נישט גינסטיקן אומגעזונטן שטיקל אַרבעט, איבער־הויפּט אין אַ קור־אָרט,—פון ריידן; ווען דיר גלוסט זיך צו באַפרייען פון דעם. אָבער די מענער, וועלן דיך קענן דיין ווילן אָנכאַפּן ביי דיין גרגרת, דבר! און דו ווערסט ביסלעכווייז אימבאַמערקט און אומגערן אַריינגעשלעפּט אין אַ מבול פון חקירה, אַפּיקורסות, פילאָזאָפיע, קבלה, אידעאַליזם, סאָציאַליזם, פאשיזם, פּראָליע־טאַריער, בורזשואַזיע, פּאַרטיי־געוועלבלעך מכל־המינים. און. קאַראַול.! הימל שפּאַלט זיך... און מען צווינגט דיך אַרויסזאָגן דיין מיינונג. און ווען דו ווערסט באַפרייט פילסטו אַן עקל, און שעמסט זיך פאַר זיך אַליין. און דוקא גאַנץ סימפּאַטישע יידן, דערמאַן איך נאָך אַ מאָל. גאָר יעדער מענטש האָט לכל־הפּחות איין חסרון, און איין שוואַכקייט. און פון יעדנס איין חסרון און איין שוואַכקייט ווערט צוזאַמען אַ סך חסרונות און אַ סך שוואַכקייטן. און מיך אָרעמען קראַנקן מענטשן רינגלען זיי אַרום גאָר מיט פריינטשאַפט און ערע. זיי רעכענען זיך שטאַרק מיט מיין מיינונג. און צווינגען מיך אגב באַנוצן מיין חסרון, און שוואַכקייט. און געוואַלט גוטער פאָטער אין הימל, וווהין אַנטלויפט מען?!...

איינער איז ביי אונדז דאָ אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, און דוקא אַ בן־תורה, אַ באַלעזענער, אַ גאַנץ קלוגער, אַליין האַלט ער זיך גאָר פאַר אַ גרויסן חכם, נאָר אויף אַן אמת נישט קיין

באַר. אַ האַרטער ליטוואַק מיט זיין גאַנצן מהות, אפילו זיין לאַכן איז האַרט ווי אַ שטיין. קראַנק איז ער נעבעך אויף אַ פוס בײַשט אויף אַ שפּאַס, נאָר איבערנעמען, נעמט ער זיך איבער מיט דײַנע הצויות, פּונקט ווי ער איז אַ בן־יחיד ביי דעם רבש״ע. אַ שוואַכקייט האָט ער, דער האַרטער ליטוואַק: צו ווערן כאַפּן יעדערן אין אַ ליגן בײַ אַן אומשולדיקן כראָנאָלאָגישן פאַקט, אָדער בײַ אַ ששת ימי המעשׂדיקן רעכנונג; דערלויבט זיך ווער זאָגן „די זאַך איז געשען אין יענעם יאר, „כעסט ער זיך ניט גאָט באַחיט באַר ער קיבעצט דיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס, און וויל דיר איינשמועסן אַז די ליגסט און אַז דו ווילסט אים איבערצייגן מיט אַ רעכנונג און פאַקטן, אז דו האָסט רעכט. ווערט ער נישט בתפעל און ענטפערט ערנסט קאַלט, און האַרט, „ניתיה ספר רבחזית״. און קיין ספר פאַרשטייט זיך אוזא, איז דאָ אין קאָלאָניע בישטאָ, און ממילא פסקנט ער אַליין, אַז ער איז גערעכט. קיין אויטאָריטעט אנערקענט ער נישט, יענער מעג זיין אין זיין פאַך צענדליק יאָרן, וויל ער דוקא יענער זאָל אים אנערקענען, אַז ער פאַרשטייט מער, און אויסשרייען „חכמת ממני טעיתי״! זאָל ווער דערציילן אַ וויץ, און דערקלערן ווען דאָס ווין דאָס איז, איז הימל שפּאַלט זיך. ער האָט שוין געהערט דעם וויץ פון תרפּ״ט אַלפים. און דער וויץ איז גאָר פון יענעם און יענעם, וועלכן ער דערקלערט אַלס ריכטיקן שעפער פון דעם איבערדערציילטן וויץ, און דו בלײַבסט בײַ אים נישט מיט אַ טעות, נאָר בפירוש אַ ליגנער. מען זעט באַשײַנפּערלעך אַז די זאַך, יענעם כאַפּן אין אַ ליגן, איז דעם מענטשנס חיות. און גאַנץ אָפּט ווען ער איז אין שטימונג, און איינער דערציילט אַ שיינעם וויץ, שמייכלט ער בשעת מעשׂה, און רייסט נישט איבער, נאָר ווען יענער ענדיקט, לאַכט ער ברייט, און איז אים מבטל מיט עם־הארצות און נישט גאַנצקייט און ערגענצט מיט פאַרריכטן, און אָפּט מיט אַ הוספהלע. אַ פּע־קער ליטוואַק.

דאָס מאַנספּילשע מיידל — און אחדות.

פופצנטער טאָג.

אַ באַחנט מיידל, רעדט באַשיידן, אַן אויסנאַם מיט אירע האָר, נישט קיין אַלאַגאַרסאָן, אַפילו נישט קיין פּאָלקע, נאָר אַ גרעק, אַ גאַנצע צנועה ווען זי וואָלט גערעדט יידיש, אַ קינדער־דערציערן אין אַ ק — ער אינסטיטוציע. פּלוצים איך דערזע זי רייכערן פּאַפּיראָסן ביים עסן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איך זע מיין באַחנטע צנועה אין אַ פּאָר קלאָונסקע קאָלירטע הויזן און אין אַ מאַראַנגאַרקע שפּאַצירן איבערן הויף מיט זעלנערשע טריט. און די צניעותדיקע קאָפּ האָר שטימט עפּעס נישט מיטן גאַנצן הלוך. אייניקע פרויען באַמיען זיך מיר איינשמועסן, אַז דאָס איז דער לעצטער פאַסאָן אויף צו דעמאָנסטרירן פאַר דער מאַנס־בילישער וועלט — פרויען־רעכט און קולטור. כ׳קאָן זיין אַז צוזאַמען מיט דער יעצטיקער גאַנצער צוקאָליעטשעטער וועלט־לעכער קולטור און רעכט, איז דאָס אויך רעכט און קולטור. נאָר מיינע חשובע דאַמען! מיך עקלט אַזאַ קולטור!. איך בין אין זיך מודה ומתודה. מיך שרעקט און עקלט אַזאַ קולטור. אויב דער באַנאַלער אָבער פּשוטער המונדיקער אַלטער וויץ „בחורים לויפן נאָך, נאָך אַ קליידל״ קאָן נאָר פאַרשעמען מיט זיין פּשטות. אָבער אַליין באַשאַפן פון פּראַקטיק דעם נייען קולטורעלן ווירק־לעכן וויץ „בחורים לויפן נאָך, נאָך בחורשע הויזן״. כאַפּט מיך אָן עקל מיט אַ שרעק צוזאַמען.

איך בין זיך מודה בפני קהל ועדה, אַז ווען איך וואָלט

יעצט געשטאָרבן און וואָלט מגולגל געוואָרן אויף אַ „פּליאַזשע", וואָלט איך נישט געוווסט מיט וואָס מען איז דאָס טועם. איך בין נישט פּראָווינציאַל, איך וווין אין וואַרשא־הבירה. און אודה ולא אבוש, אַז איך האָב נישט געזען קיין פּליאַזשע, אויסער אין פאָרשטעלונג מפּי־השמועה. נאָר אינו דומה שמועה לראיה. גראָד עטלעכע טריט נאָך אונדזער קאָלאָניע איז די פּליאַזשע, און זעענדיק ווי די געסט פון קאָלאָניע לאָזן זיך אַלע טאָג צום פּליאַזשע, און קומען צוריק מיט שיינענדיקע פּנימער בקדשה ובטהרה. האָב איך, דער נישט אַנטוויקלטער אָפּגעשטאַנענער מענטש, אָנגעגורט זיך מיט נייגער־קייט, און האָב געזען, אמת, מער אז איין קוק (גלייבט מיר בנאמנות) האָב איך נישט געטון. און גלייבט מיר ווידער אויף נאמנות, אַז פאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם פון דער יעצטיקער נאַקעטער קולטור, איז גענוג איין קוק. אַזאַ אחדות ביי יידן האָב איך קיינמאָל נישט געזען. אַ נאַקעטער אחדות אָן אַ שום לבוש פון פּאַרטייאישקייט. שלום־ושלוה על כל הפּליאַזשיסטן ונאמר אמן! יעצט פאַרשטיי איך, אַז דער אדם־הקדמון און זיין זוגתו חוה האָבן איידער זיי האָבן פאַרזוכט פון עץ־הדעת, שוין געוווסט פון יעצטיקער קולטור. „ויהיו שניהם ערמים ולא יתבששו".

##ביידע דאַוונען.

זעכצנטרר טאָג.

איך גיי אַרום אין פּאַרק גאַנץ פרי נאָך דעם וואַסער טרינקען. אויף אַ באַנק זיצט מיינער אַ סימפּאַטישער באַקאַנטער און זאָגט תהילים מיט אַ באַגייסטערטן ניגון. ס׳דערנענטערט זיך צו אונדז אַ גלח, וועלכער גייט און דאַוונט פון אַן אָפן ספר. אַזוי זע איך איט אַרומגייענדיק יעדן פרימאָרגן, טויזנטער יאָרן מיט טרויערדיקע געדאַנקן לויפן פאַר מיר פאַרביי. ביידע דאַוונען, ביידע בעטן, ביידע גיבן אָפּ אַ שיר והודיה פאַרטאָג דעם בורא־עולם. ביידע זענען אין דעם מאָמענט אַזוי נאָנט איינער צום צווייטן. (קוקנדיק מיטן אויג.) און ווי ווייט זענען זיי מיט זייער נשמה, וואָס דער באשעפער האָט אין זיי ביידע אַריינגעבלאָזן... און אפשר דאַוונען זיי איין תפלה אין דער מינוט, אַ פרק תהי־לים פון דעם געטלעכן דוכטער און קעניג ? און ס׳איז זייער מעגלעך אַז זיי ביידע טראַכטן יעצט גאָרנישט, גיסן אויס זייער הארץ פאַרן באַשעפער. טאַקע איין תפילה וועלכע איז צוגעפּאַסט צום שיינעם שטילן פרימאָרגן, נאָר אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן. דער ערשטער אין אָרגינאַל, און דער צווייטער אין אַן איבערגע־אַנדערשטער. אָבער ביידע דאַנקען און לויבן מיט אַ פילנדיק הארץ צום שותּפותדיקן אַלמעכטיקן. נאָר איך דער דריטער וועלכער דאַ־ווגט יעצט נישט. טראַכט וועגן זיי: ס׳קאָן זיין, ס׳איז מעגלעך אַז ווען מען גיסט אויס דאָס הארץ אַזוי פרי, איז מען נעענטער צו גאָט, צו דער שטילער מילדער נאַטור. ווען מענטשן שטערן

נאָך נישט קאָנען קיין מחשבות־רעות, קיין שנאה נישט אַרויף אויפ׳ן זינען. איך דערנענטער זיך מיט די אָנגעשטרענגטע געדאַנקען וועגן דעם בשותּפותדיקן דאַוונען, זען וואָס ער מיין שכן דאַוונט די גאַנצע צייט פון מיין קוקן און טראַכטן, נישט אויפהייבנדיק קיין אויג, און איך ווער דערשטוינט. מיין באַקאַנטער זינגט זיך דעם פּרק תהילים, וועלכער איז איינגעקריצט אין מיין זכּרון עטלעכע צענדליק יאָרן. ווי יעצט הער איך די שטים פון דעם זעלטענעם מטיף „מאַטליאַנסקי", ווי ער דערקלערט מיט זיין קלינגענדיקער שטים מיט דעם שיינעם צוציענדיקן הקפה־ניגון. „בקום עלינו אדם. א — דם! דער מענטש. לולא ד" שהיה לנו בקום עלינו אדם. יעדער אדם. ווען נישט גאָט וואָלט מיט אונדז געווען, חיים בלעונו וואָלטן זיי אונדז לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען. וואָלט אונדז דאָס וואַסער אַוועקגעשווענקט. אַוועקגעשווענקט אונדזער יודישע נשמה. אַ טייך וואָלט געגאַנגען אויף אונדזער נפש. אַ טייך מיטן מים הזדונים. מ־י־ם ה־ז־ד־ו־נ־י־ם! מים הזדונים.

איך קוק און מיר דאַכט, אַז דער גלח, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשפּרייזט שטילע לאַנגזאַמע טריט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון ספר, פאַרשנעלערט זיין גאַנג, ער גייט וואָס שנעלער, וואָס גיכער, ער קוקט אויף מיר, און לעזנדיק מיינע מחשבות, אַנטלויפט ער פון מיר.

דערינערונג צום קאָנגרעס

זיבצנטער טאָג

נעכטן פאַרן שלאָף האָב איך געלעזן דעם באַריכט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און האָב אַ גאַנצע נאַכט געזען טרויעריקע חלומות, וועלכע מוטשן מיך אַ גאַנצן טאָג. איך דערמאָן זיך אַ בילד פון אַ באַגעגעניש אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע, מיט דעם הייסן ייד און ליבן פריינט ד"ר ט. הינדעס ע"ה. מיר גייען געאָרעמט און אין אונדזער געשפּרעך וועגן אָנגעווייטאָקטע טאָג-זאַכן, וועלכע ס'האָבן דאַן נישט געפעלט, פרעגט ער מיך פּלוצים: פאַרוואָס זענט איר אַוועק פון ציוניזם?...

איך דערשרעק זיך פאַר זיין פראַגע און ענטפער געדריקט:

— איך בין דער זעלבער פריינט ד"ר! איך בין נישט אַוועק פון מיין אידייע מיט וועלכער איך לעב שוין צענדליק יאָרן, און פאַר וועלכע איך האָב אין מיין יוגנט געבראַכט אַ קרבן אפשר מיין גאַנץ לעבן און עקזיסטענץ... איך בין נישט אַוועק פון ציוניזם, נאָר אַנטלאָפן פון אייניקע פירער דאָ אין ציוניזם. דער גרויסער ייד און פריינט האָט מיך פאַרשטאַנען, און אנשטאַט פאָרזעצן אונדזער געשפּרעך, האָט ער אַ גרויסן זיפץ געגעבן, און מיר האָבן זיך צעשייד.

איך דערמאָן זיך, אַז מיט עטלעכע טעג פאַר דער באַגעגעניש, האָב איך אנטייל גענומען אין אַ פאַרזאַמלונג וועגן דעם וועזן פון דערציונג אין דער ערשטער תקופה פון דער ציוניסטישער קוראַטאָריום-שול (יעצט תרבות) איך האָב געאַרבעט

אין איינע פון זיי; איך האב געזאָגט אַ מיינונג, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן צופיל לינק אין אויגן פון איינעם פון דעמאָלטיקע פירער, דעם ה. דו־פרצופין, וועלכער האָט אין משך פון די יאָרן זינט איך קען אים; נישט איינמאָל געביטן זיין לבוש אין ציוניזם. דער צדיק־הדור איז אויף מיר אָנגעפאַלן, ווי א פריץ אויף זיין שקלאַף. נישט קאנענדיק קומען צו זיך פון גרימצאָרן וואָס איך האָב זיך דערלויבט ארויסצוטרעטן מיט א מיינונג קעגן זיינע אָנשויונגען. איך האָב אים ווירדיק, גאָרנישט ווי א קנעכט (ווי אייניקע חברים האָבן זיך געבוקט פאַרן פריץ. מורא האָבנ־דיק צו ווידערשפעניקן דעם אדון־הגדול, ווייל ס'האָט געדראָט מיט פארלירן דעם עקזיסטענץ פון לעבן אין אזא עת־צרה). און האָב הויך דערקלערט דאָס ערשטע, אַז דעם „חכמת המסכן בזויה" און „ראש ידבר תחנונים ועשיר יענה עזות, האָט דער געטלע־כער דיכטער נאָר קאָנצענטרירט די טראגעדיע פון די אומגליק־לעכע און די ברוטאַלע הנהגה פון די שטארקע, וועלכע נעמען אָן גערן די מאמרים פאַר א כלל וואָס דאַרף און מוז אַזוי זיין. דעם צווייטן העלפט פון מאמר „עשיר יענה עזות" פאַרנוצט גע־זונטערהייט ווען ער באפרידיקט אייך, אָבער מיט דעם ערשטן האַלבן פסוק „ראש ידבר תחנונים" וועל איך אייך נישט באַפרי־דיקן. און צווייטנס, מיינע חשובע מנהיגים! איך געדענק א זאַך, וואָס אייניקע פון אייך וועט דאָס אויסווייזן פאַר אַן אַבסורד. איך געדענק, אַז אינדערצייט פון די ערשטע חובבי־ציון, האָט זיך קיינעם נישט געחלומט, און קיינעם איז אין מחשבה נישט געקומען צו מאַכן אַ קאַריערע חו"ש פון ציוניזם. איך געדענק ווען דער ציוניזם מיטן מאָראַל זענען געגאַנגען שלובי־זרוע!...

איר האָב געגוג באַצאָלט נאָכדעם פאַר מיין עזות, ווי איך וועל אפשר, אין אַן אַנדער אָרט דערציילן. ס'פאַרדריסט מיך זייער און זייער, וואָס די דערינערונגען זענען מיר אויפן זינען געקומען. איך שרייב דאָך נישט מיינע זכרונות?...

„מצווה גוררת מצווה, ועבירה גוררת עבירה" — און איין פאַרדריסלעכער דערינערונג ציט די צווייטע, הגם נישטא קיין אָרט אויף דעם אין אַ טאָג־בוך. נאָר פאַרפאַלן, אָט אַזוי איז

זייער אָפּט מײַן שלימזלדיקער מזל, דווקא ווען איך בין אויף
קוראַציע, און שרײַב אַ טאָג־בוך פֿאַלט אויס דער 5-טער קאָנ-
גרעס. און דערינערונגען פֿון דעם נאָענטן עבר, וואָס האָבן אַ
שייכות צו מײַן ביאָגראַפֿיע וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיטן ציו-
ניזם דיקטירן מיר — שרײַב!

איך לערן בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע אין אַ שול
פֿון ציוניסטישן קוראַטאָריום. איך האָב די שול גערופֿן „דער
זווג פֿון ציוניזם מיט מרת אסימילאַציע”. ס'איז געווען אין דער
צײַט, ווען אויף דער פֿילאַנטראָפּישער אַרענע האָבן זיך געאייזן
כלל-טוערס, און דער עיקר כלל-טוערינס מכל המינים. מען האָט
פֿריער פֿון זיי נישט געהערט, און איצט, ווען איך שרײַב די
שורות, זענען זיי אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן מיט זייער טאַראַראַם,
ס'איז געווען אַ צײַט פֿון עליונים למטה, ותחתונים למעלה, ביי
אַ יאָגעניש נאָך גרויסקייט, און בײַ וואָס די אומנאַטירלעכע צײַט
צו פֿאַרטרײַבן.

איינע אַ פֿרוי ג. אַ שיין ווײַבל באמת, האָט מיט איר חן
געקאָנט פּועלן בײַ די אָקופּאַציע־פּירער, אַלץ וואָס זי האָט גע-
בעטן: מען האָט איבערגעגעבן אין איר רשות אַ גרויס הויז, אַ
געוועזענע גוט־אײַנגעאָרדנטע גימנאַזיום, און אָט די הונדערט
פּראָצענטיקע אַסימילאַטאָרקע מיט אייניקע מיטהעלפֿערינס, האָט
צונויפֿגעקליבן קינדער, און האָט זיי באַזאָרגט מיט עסן (דער-
פֿאַר אַ ברכה אויף איר קאָפּ) און מיט חנוך.

און ס'איז באַשאַפֿן געוואָרן דער זווג מיטן קוראַטאָריום.
אַלע טאָג פֿלעגן מיר האָבן דעם דאַמען־קאָמיטעט, פֿון אָנהייב
בלומרשט צו דער צײַט פֿון עסן געבן, און ביסלעכווײַז, האָבן
מיר גענומען פֿילן דעם „חנוך” פֿון די פֿאַרזאָרגערינס אויף זיי-
ערע משהלעך און רבקהלעך. מיטן מויל, פֿאַר זייער אויפֿפֿירונג,
דער עיקר, זיי זאָלן נישט „סוואַרגאָטשען” דעם זשאַרגאָן, אין
אָפּט אויך כיטן חנוך של יד...

ס'לאָזט מיך נישט מײַן דערינערונג פֿאַרבײַצוגיין דאָס טראַ-
גישע בילד פֿון די אומגליקלעכע קינדער, וועלכע וואַרטנדיק
אויף דעם מיטאָק פֿון אַ שיסעלע קאַפּוסטע מיט גרויפּן (ס'געט

אַן אַ שרעק, דערמאָנענדיק זיך דעם טעם) זענען געזעסן ווי שטומע נעבען, מורא האָבנדיק אויסצורייידן אין געגנוואַרט פון די דאַמען אַ יידיש וואָרט. און נאָכן שיסעלע, פלעגט אפט קו- מען דער ראש-הנהגה-הרוחנית, מר „דו-אופנים", דער ממונה אויף העברעיש, און די קינדערלעך האָבן ווידער מורא, און זיצן שטום. דער גייסטיקער אדון, דער פאַסטוך פון דעם קליי- נעם סטאַדעלע באַגעגנט זיי מיט אַ צוקערזיסן שלום, אָבער דער- ביי באַפעלט ער „לדבר עברית"! אָרעם סטאַדעלע! מיין האַרץ פלעגט בלוטיקן וועגן אייערע פאַסטוכער און פאַרזאָרגער מימין ומשמאל.

די בשותפותדיקע ,,ארבעט כלפי-חוץ איז געגאַנגען אגול ואשמחדיק. ל"ג בעומר האָט מען שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט ציוניסטישע פענער און העברעיִשע שירים. ווי באַוווסט האַלטן די וואַרשאווער אַסימילאַטאָרן פון העברעיש (פאַרשטייט זיך, ניִשט פאַר זייערע קינדער) אַן עולם ומלואו. ביז ס'איז אויסגע- בראָכן אַ שאַרפער חלוקי-דעות ביי די לערער מיט די דאַמען. און דער קוראַטאָריום האָט פאַרמאַכט די שול, און 250 קינ- דער זענען אין גאַס אַוועק. אייניקע לערער האָט מען געגעבן ארבעט, אין די איבעריקע שולן פון קוראַטאָריום.

און מיך דעם ווידערשפעניקער, וועלכער האָט זיך אָפט דער- לויבט זאָגן דעם אמת אין די אויגן פון די גדולים אויף יענעם אָוונט פון דער פאַרזאַמלונג וואָס איך האָב דערמאָנט. און די באַוווסטע פעדאַגאָגן און עסקנית פ. ר. האָט מען באַקיקאָטירט. און ביז היינט מוטשעט מיך מיין געוויסן קלערנדיק. אַז איבער די רדיפות אויף מיר פון די צוויי אדונים „דו-פרצופין" און „דו-אופנים" האָט פיל געהאָלפן צו פאַנאַנדערלאָזן הונדערט אָרעמע שעפעלעך אין גאַס. און איך בין געצוווּנגען געווען דורך מיין אומשולדיקע שולד, ווערן אַ נע-ונד אויף פּראָווינץ, און לייד פון די רדיפות ביז איצט: איך האָב געזאָגט פאַר מיין שיידן זיך אין געגנוואַרט פון פיל חברים פאָלגנדיקע ווערטער:

— הלוואי זאָל איך מיט מיין פּאָרויסזען דאָסמאָל בלייבן אַ נאַר ניִשט קיין נביא, נאָר אין דעם מאָמענט זע איך פאָר,

אַז פון די 9 ציוניסטישע קוראַטאָריום-שולן, און נאָך דער הבטחה אויף נאָך צענדליקער—וועלן בלייבן אין וואַרשע צוויי, דריי, — און ליידער, ווען איך שרייב די שורות, איז מיין נבואה מקוים געוואָרן. „כל כנסיה שהיא לשם-שמים (מאַראַל בלע"ז) סופה לתקימת". אָבער ווען ס'נעמען אָנטייל אייניקע פערזאָנען לשם קאַריערע, אפילו נישט מאַטעריעלע, גייסטיקע, עקשנותדיקע דעמאַגאָגישע, קאָן קיין גוטער סוף נישט זיין. און דער איש-אמת וואָס קאָן דעם אמת נישט פאַרלייקענען אין דער קריטישטער צייט זיינע, מוז ליידן און ליידט.

איין פאַקט צו באַשטעטיקן מיינע האַלב-פאַרשטענדלעכע ווערטער און געבוג.

איך לערן אין דער „זווג שול" אין דריטן קלאַס. ס'קומט. דער גייסטיקער פירער און רעצענזענט, דער מר „דו-אופנים", דבש וחלב תחת לשונו ריידנדיק מיט מיר, און איינדעראמתן ווייס איך, אַז ער רודפט מיך גאַנץ ענערגיש און מעלדט מיר, אַז איך דאַרף פאַרלאָזן דעם דריטן קלאַס, און לערנען אין מכינה, און דערביי חנפהט ער מיך, אַז איך, אַלס דערפאַרענער אַלטער לערער קאָן זיך אַן עצה געבן אין אַלע קלאַסן, און אין אָנפאַנגס קלאַס פאָדערט זיך פעדאַגאָגישע פעיקייטן. און דער צוגענומענער נייער לערער איז אַן אָנפאַנגער און 18 יעריק בחורל.

איך דערקלער אים, אַז פאַר די עטלעכע חדשים (דאָס איז געווען אין מיטן יאָר) בין איך צוגעוויינט צו די קינדער, זיי צו מיר, און דער עיקר, ס'איז נישט פעדאַגאָגיש אַזאַ טאַט. נאָר זעענדיק, אַז ער איז זייער פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, און אַז ס'איז דברים-בגו. האָב איך קאַטעגאָריש מיט כעס געפרעגט: „ס'איז אַ פאָרשלאַג, אַ בקשה, אָדער אַ גזירה?" דערויף האָב איך באַקומען אַ בנעימותדיקע תשובה, אַז דאָס איז שוין אַ באַשטעטיקטע זאַך, און אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין.

און זאָל פאַרצייכנט ווערן: אַז צוויי יאָר האָב איך געאַרבעט מיט אַ קלאַס פון עטלעכע און פופציק קינדער, יעדער חודש פלעגט באַשאַפן ווערן הינטערקוליסן קונצן און מען פלעגט אַרויסנעמען פון מיין קלאַס אַ צען קינדער, און אַריינפירן אויף

זייער אָרט צען אָנפאַנגער... און נאָך מיט פאַרשידענע מיטלען פלעגט מען מיך טערמאַזירן מיין אַרבעט. אַלץ פאַר דעם חטא, וואָס איך האָב נישט אָנערקענט דעם „חכמת המסכן בזויה", און האָב קריטיקירט די אַרבעט, און דער עיקר, איך האָב זיך נישט געבוקט פאַרן פריץ.

ס'איז דורכגעגאַנגען עטלעכע וואָכן, איך פרעג דעם ממלא מקומי אין דריטן קלאַס, חבר ג. (איך מוז צוגעבן אַ סימפּאַטי־שער, זייער אַנטוויקלטער און ענערגישער):

— פאַרוואָס זעצט איר נישט פאָר דעם חומש ווי איך האָב געלערנט מיט די צוועלף דרייצן־יעריקע קינדער, קינדער פון „עמך", קינדער פון די קעלערס און פאַציאַטקעס, אָרעמע יידישע קינדער וועלכע גייען מיט די טאַטעס אין שול אַלע שבת, און הערן די סדרה?

ער ענטפערט מיר באמת ובתמימות:

— איך מוז זיך צוגרייטן צום חומש אַ צוויי דריי חדשים.

איך פרעג אים, וווּ ער האָט דערוואָרבן זיינע ידיעות אין למודי־קודש? ער ענטפערט ווידער בתמימות, אז אַ מאָל האָט ער געלערנט אין חדר. פון וועלכן ער האָט גארנישט אַרויסגעטראָגן, נאָר דעם פאַריקן זומער, האָט ער באַזוכט די קורסן פון מר „דו־אופנים".

ווענן אַ מנהיג...

אכצנטער ט,

עטלעכע געסט פון די קרעסן זייער סימפּאַטישע יידן, אינטע־רעסירן זיך זייער ערנסט וועגן דעם גאַנג פון קאָנגרעס. מען שמועסט וועגן דער לאַגע בכלל, און וועגן די שטרייטנדיקע פּערזאָנען בפרט, פאַרשטייט זיך אַז ס'איז דאָ אַנהענגער פון „על המשמר". און „עת לבנות". די דיסקוסיע ווערט היציק און אָנגעשטרענגט. איך בין פּאַרטײַ אין מיינע געדאַנקען, מען צווינגט מיך אַרויס־זאָגן מיין מיינונג. זיי וועקן אויף מיין שוואַכקייט. און איך זאָג שוין צופיל; אייניקע זענען זייער צופרידן, אַ פּאָר על־המשמורניקעס האָבן פאַרדרוס. צווישן מיינע דערקלערונגען למשל זאָג איך, אַז מיין פעסטע מיינונג איז, אַז אַ מנהיג פון אַ אָרגאַניזאַציע מעג ער זאָגאַר זיין גרויס אין אויטאָריטעט, אַן איש אמת וישר. נאָר אויב זיין עקשנות איז אומבאַגרענעצט. און דערצו איז ער בכּוח צוציען צו זיך די יוגנט. מאַכן זיי פאַר זיינע תלמידים, ווי אַ רבי זיינע חסידים, וועלכע זענען שטענדיק גרייט לויט איי־גענער איבערצייגונג, ענטפערן באָם, און אמן כּן יהיה! אויף אַלע זיינע מעשים. אַזאַ מנהיג, הלוואי זאָל איך נישט טרעפן, איז יוצא שכרו בהפסדו. און פאַר אַזאַ יוגנט, זי מעג זיין ווי אידעאַליסטיש האָב איך מורא. פאַר מיר איז אַ טראַגעדיע, ווען איך זע, אַז פיל פון אונדזער בעסטע יוגנט, ווערט דערצויגן פון זייער „רבין" אינם דורך הדמאגאגיע און עקשנות.

פיל דערקלערן מיט באַגייסטערונג, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק

עקזיסטירט ביי אַזעלכע צרות ביז היינט איז עס נאָר מיט דעם זכות פון זיין עקשנות, „עם קשה עורף". און פאַרגעסן אָבער דערביי אַז דעם טיטול האָט זיי גאָט אַליין געגעבן. אָבער גלייך האָט ער זיך געווענדט צום גרויסן פירער „הרף ממני ואשמידם." די השגחה אַליין פאַרלירט דעם געדולד ביי עקשנות. ס'קאָן קיין גאולה נישט קומען. ס'קאָן קיין גרויס פאָלק נישט ווערן פון עקשנות. „ואעשה אותך לגוי גדול". די גרויסער סבלן, די גרויסער ענו, די וועלכער באַזיצט די צוויי גרויסע אייגנשאַפטן וואָס א מנהיג מוז באַזיצן, די ביסט בכוח צו דערציען א פאָלק, וועלכעס זאָל זיין בכוח צו ברענגען די גאולה.

איך בין אגב אריינגעפאַלן מיט א פסוק פון דער תורה... און צווישן מיינע בני-תורה האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ תורה דיסקוסיע מיט דעם אמתן למדנישן ברען. מיט פשט און דרש, זאָגאַר קבלה. און דער גלגל הרשאו פון דער דיסקוסיע איז געווען דאס ווארט „מנהיג"!.

איך זאָג זיי ווייטער א מיינונג וועגן משהס מקריב זיין זיך פאַרן פאָלק. אָט דער אייביקער באַשעפער אויף וועלכן די „חזל" באַהויפּטן אַז „איננו מקפח שכר כל בריה". האָט אַרויס־געטראָגן אַזאַ אַכזריותדיקן אורטייל אויף דעם גרויסן מנהיג, (וועלכער האָט געפירט דאָס פאָלק אונגעלערנט עס זיין גאַנץ לעבן און געדולדיק געליטן און געליטן) אַז ער זאָל נישט אַריין אין דעם לאנד, וווהין ער האָט צענדליק יאָרן געפירט זיין פאָלק. ער אַליין זאָל גאָר אין מדבר בלייבן, ווייל ער האָט געשלאָגן דעם שטיין.

נאָך פיל קלערן וועגן דעם, איז מיין מיינונג אַזאַ: דער גרויסער מנהיג איז שוין אַלט געווען. אויסגעשעפּט פון געדולד און אַז דאָס „עם קשה עורף" נעמט זיך וואַקלען. בעת ער איז געווייגט געווען עפ"י הדבור. מיטן „מטה אלהים" זאָגאַר איין מאָל האָט ער געהערט פון גאָט אַליין „קח את המטה והכית בצור". „שלאָג דעם שטיין, און ער וועט געבן וואַסער". און דאַן ווערט ער באַפוילן „ודברת אל הסלע"! רייד צום שטיין. קענטיק אַז דער „כביכול" פּרוווט דעם געדולד פון „מנהיג". והראיה, אַז

אויף דעמאָלט הערט ער „קח את המטה”. און דער גרויסער פירער האַלט נישט אויס דעם נסיון און יעצט אומגעדולדיק, טוט ער ווי שטענדיק און באַנוצט דעם „מטה-אלהים”, און שלאָגט דעם שטיין.

דער מנהיג פילט זיין לאַגע. ער באַשטימט זיין יונגן תלמיד וועלכער איז נאָך פול מיט כוח און סבלנות אין די אויגן פון פאָלק, אויף זיין אָרט. ער איז איבערצייגט, אַז ס'איז זייער נוצלעך „יהושע”. דער יונגער שטאַרקער געדולדיקער זאָל מיט זיין סמיכה אויף דעם זייט ירדן. אַריבערפירן דאָס פאָלק אָן אים. מיט דעם זעלבן נס ווי ער האָט זיי אַריבערגעפירט דעם ים-סוף. און גלייך אויף דעם ערשטן שטיקל ערד פון דעם צוגעזאָגטן לאַנד. זאָל ער ווערן דער זעלבער אויטאָריטעט. „כאשר הייתי עם משה אהיה עמך”! און אַליין דער גרויסער געטלעכער מנהיג איז מקריב זיך אין גאַנצן, און בלייבט איינזאַם אין מדבר.

אין דער צייט האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט די ווערטער „מיין ציוניזם”. מען לאָזט מיך נישט אָפּ אָן אַ דערקלערונג. און איך דערקלער פאָלגענדעס.

מיין ציוניזם איז אַ צוויי-זייטיקע מטבע. פון איין זייט בין איך אַן איבערצייגטער מאמין אין ציוניזם פון „מציון תצא תורה”. ציון וועט זיין די שול פאַר אַלע פעלקער, און די געטלעכע לערע וועט זיין בכוח אויסצוואָרצלען דאס גרויסע אומגליק פון דער וועלט — די מלחמה. אין דאס אייזן פון די „כלי-משחית” וועט פאַרנוצט ווערן צו ערד-אַרבעט. דער מענטש וועט זיין באַהעפט מיט דער נאטור, מיט דער מאַמע ערד, און דערפאַר בין איך אַ שטאַרקער אומבאַגרענצטער מאמין אין דער מטבע, און דעם אי-דעאַליסטישן יונגן ערד-אַרבעטער, אין דעם מוסר-נפשדיקן „חלוץ”. אָט דאָס איז מיין ציוניזם. און די אַלע קלאַפּערייען פון דער פאַלשער מטבע, (אויך אַ צוויי זייטיקע.) פון די גאָטס-קאזאקן אין פאַרשי-דענע נוסחאות. און די פּאָליטיק-מאַכער ווידער אין פאַרשידענע נוסחאות. דאָס וואַרפט אויף מיר אָן אַ פּחד. ווייל די אַלע פאָלק-פאַרזאָרגער זענען מעכב די גאולה. זיי טאַנצן אַ שדים-טאַנץ

און שטערן דעם טרייען יונגן אַפּערוויליקן אַרבעטער זיין הייליקע אַרבעט.

ס קלינגען מיר אין די אויערן שטענדיק די אייביקע ווערטער פון גרויסן נביא: אז דער פירער פון דער גאולה צום אייביקן מענטשלעכן גליק בגוף ובנשמה וועט לערנען, שטראפן נאָר מיטן מויל, און מיט זיין גייסט וועט ער שטראָפן דעם רשע (ישעי' יא')
און דעמאָלט וועט זיין די אידיליע וואָס ער זעט פאר, ווי סווינט צוזאַמען אַ וואלף מיט אַ שעפּסעלע, אַ טיגער מיט א ציגעלע. אַ קאלב מיט אַ לייבעלע און אַן אָקס, אמוזירן זיך מיט ליבע. און אַ קליין ייִנגל פירט זיי. אַ קו מיט אַ בער און זייערע קינ-דערלעך פיטערן זיך אויף איין לאנקע. און דער לייב דערנערט זיך מיט היי ווי אַ אָקס. אַ ברוסט-קינד שפּילט זיך נעבן אַ שלאנג. ווייל „מציון תצא תורה" דער רשע וועט געשטראָפט ווערן נאָר מיט'ן מויל, מיט'ן גייסט. אין ווען פון „ואהבת לרעך כמוך". וועט קיין שנאה נישט האָבן קיין שליטה אויף דער וועלט. „ולא למדו עוד מלחמה" די ערד-ארבעט וועט אקופּירן דאס גאַנצע אייזן פון אַלע מינים וואַפן. איין פאָלק וועט נישט הייבן, אַ האַנט אויפן צווייטן. און צום מיליטאַריזם וועט נעמען אַ סוף. (ישעי' ב')

איך חזר איבער: דער ציוניזם איז מיין שול-הקודש מיט צוויי זייטן, רוח און עבודה גייסט און אַרבעט.

און דעמאָלט וועט זיין שלום און מנוחה צו ישראל אין אַלע לענדער צווישן אַלע פעלקער עתידה ארץ-ישראל שתתפשט בין כל הארצות.

נאָך 38 יאָר מיט ראובן ברייניַן

נײַנצנטער טאָג.

מײַן טאָג־בוך הייבט דאָך אָן זײַן אַ זכרונות־בוך מיט אַ עגאָיסטישן איבערשלאַק. נאָר וועגן זיך, און זיך. אַ גאַנצע נאַכט האָבן ווידער געשטערט מײַן שלאָף פאַרשידענע דערנערונגען, ווײַטע און נאָענטע. און אַלץ וועגן ציוניזם. דערנערונגען פון פאַריקן יאָר פאַרבונדן מיט אַן ערך פיר צענדליק יאָרן צוריק.

אויף מאָרגן נאָך דעם קבלת־פּנים פאַר „ראובן ברייניַן", פון די ציוניסטישע ראשי וטובי הדור אין וואַרשע, האָב איך אים באַזוכט. איך ווײַז אים די אײַנלאַדונג צו זײַן באַנקעט, און דערקלער אים, אַז איך בין לײַדער אויפן באַנקעט נישט געווען איבער זײַן שולד. מײַן דערקלערונג אויף זײַן פאַרווונדערונג איז אַזאַ:

„ראובן ברייניַן! מיט 38 יאָר צוריק. איך שטיי נעבן אײַך בײַ איין באַנק און זיכאַריער שול אַנטקעגן מזרח־וואַנט. אין וויטעבסק. איך בין נאָך דעמאָלט געווען יונג, אַ 17 יעריקער משכּילשער ישיבה־בחור. אַט ערשט פאַרלאָזן די „ישיבה". און, ברייניַן שוין אַ מפורסם. ס'איז געווען געמאָלדן, אין די שולן, דורך מודעות אויפן וואַנט, אַז איר וועט ריידן שבת נאָך קריאת־התורה (דעמאָלט האָט מען נישט רעפעריט. נאָר פּשוט גערעדט) די שול איז פול מיט יוגנט, און פּלוצים פאַרווערט דאס ריידן, דער ראָש־ישיבה „וועלוול שמעלקעס". איר פרעגט מיך: „וואָס זעט איר אין מזרח־וואַנט", איך ענטפער פּשוט; „דעם ראש־ישיבה, דעם באַנקיר טשערניאַק. און נאָך אַנדערע

יחסנים". אייער אַנטוואָרט איז. „און איך זע די אָפּשאַצונג פון אונדזערע חכמים. פני הדור כפני הכלב". בריינין! די ווערטער האָבן זיך ליידער אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז ווען נאָר ס'קלייבן זיך צונויף אונדזערע פני. דערמאָן איך זיך אייער תלמודישע באַמערקונג. און דערפאַר האָב איך אויך נעכטן קיין אנטייל נישט גענומען אין דעם „קבלת-פנים לכבוד אייך. צוויי דריי פון די פני וואָלטן מיין גייסטיקע רו געשטערט. איך דערמאָן אים און זיין פרוי פאַרשידענע זכרונות פון יענער אַלטער גוטער צייט געבונדן מיט איינצלנע הומאָריסטישע קליינע טעגלעכע פּאַסירונגען, און זיי שטוינען פון מיין זכרון.

אויף זייער ווענדן זיך צו מיר וועגן מיין מיינונג ווי איז דער מצב הרוחני של הציונות, וההבדל לפני המלחמה ועכשיו? (דאָס געשפּרעך ווערט געפירט אין העברעיש. נישט מיטן שלם סגנון, נאָר אויף דער אינטימער שלום שפּראַך. המצב הרוחני הטוב או הורע"? איך ענטפער אין וואָרט „הורע"!. ער באַמערקט צוריק? „איך האָב געהערט פון אייניקע פירער אַז המצב הטוב. מיין ענטפער. „ביי דעם טומלדיקן גרויסן ענטוזיאַזם אויפן באַנקעט און ביי דעם בלבול הלשונות אין די רעדעס. זייט איר אַריינגעפירט געוואָרן אין טעות, דורך געוויינהייט פון באַנקעטן עבר, איינלעבן זיך אפט ביי אַן אפיציעלער שמחה מיטן „הורא!" און גראד האָט איר פאַרהערט די עטלעכע אויפ-ריכטיקע ציוניסטן מיט זייער בולטן „הורע".

דאָס צימער. הגם אַ גרויס אין האָטעל בריסטאָל, ווערט קענטיק ענג און דושנע פאַר אונדזער אינטימען געשפּרעך. איך געזעגן זיך מיט פרוי ב. און מיר שפּאַצירן אַ לאַנגע צייט אונ-טער דעם גלות הימל. ריידנדיק וועגן דער ארץ-ישראל ערד. מען שמועסט וועגן דעם רוח-העם ע"פ טהרת-הלב מיט 38 יאָר צוריק. און עכשיו. און מיר שיידן זיך נישט מיט אַ „הורא" שטימונג, נאָר מיט אַ „הורע" דריקונג.

אַ המשך פון דעם זעלבן. אויפן צווייטן אפשייד-באַנקעט פאַר ברייני‌נס אָפּפאָרן. בין איך צווישן די רעדנער, דער אינ-האַלט פון מיין רעדע.

— דער חשובער ד"ר קלומל האָט צווישן זיינע ווערטער

היינט אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז ראובן בריינין זאָל אויף להבא
אַרבעטן, אויך פאַר דעם „קרן-היסוד“ ווי פאַר דעם קרן-קימת“.
און פאַר דעם קרן-היסוד צוזאַמען מיט 38 יאָר צוריק. „ואת
הנפש אשר עשה“. ר. ב. איז געקומען צו אונדז אין וויטעבסק
(נאָכן גירוש מאָסקווע) אויף רעכטס דער ליובאַוויטשער חבד“.
הגם זייער וואַרעם און גייסטיק אינהאַלטסרייך, אָבער קעגן
עולם-הזהדיקער אויפלעבונג, און קאַלטע למדנישע קנאים-דיקע
מתנגדים. לינקס די אַסימילאַציע. קיין יינגער פאָרגעשריטענער
מענטש האָט זיך נישט דערנידעריקט צו ריידן „זשאַרגאָן“. לשון-
קודש איז געווען אַ גאַנגבאַרע זאַך פון דער השכלה צום „שרייבן
פאַר די אויסגעוויילטע, אין דאָס לשון פון דער „גבירה“. די
„שפחה“, שרייבן אין דעם לשון פון דער מאַמען, אויף „צאנה-
וראינה“ לשון, וועלכער סופר-נכבד וועט זיך אַזעלכעס דערלויבן
צו דערנידעריקן זיין כבוד-סופרים?!. אָבער אַז העברעיש זאָל
קאָנען זיין אַ שפּראַך צום ריידן האָט זיך קיינעם נישט געחלומט.

און ר. ב. האָט מיט זיין ענערגיע אין אויטאָריטעט צונויפ-
געזאַמלט אַרום זיך די שבלים בודדות ומפוזרות. די האַלבע אַסי-
מילירטע יוגנט. לערנער, שטודענטן, סתם משכילים. און זיין
הויז איז געוואָרן אַ „בית ועד לחכמים“. און אין אַ גאַנץ קורצער
צייט,--אַפט זענען די שמועסן געפירט געוואָרן אין העברעיש.
און ראובן בריינין אַרבעט פאַרן „קרן-היסוד“ אויך. און — דאָס,
חשובע פאַרזאַמלטע, איז דער עיקר. דערוואַרבן דעם „יסוד“-
די יוגנט... נישט מיט מיטינג-דרשות. נישט מיט דעמאַגאָ-
גישן עקשנות און בלינדער פאַרפירערישער קנאות. נאָר מיט תורה,
חכמה. און ספרות. דעמאָלט מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט
אַ שרייבער געמוזט זיין אַ מלומד, הגם די דיכטונג איז אַ
„בת-השמים“. נאָר דאָך האָבן מיר געוווּסט, אַז זי פאַלט נישט
אַראָפּ פון הימל אָן מי. אין יענער אַלטער בטלנישער צייט
איז מען געווען מיט דער מיינונג צו שרייבער, אַז יעדער מוז
זיין אַ מלמד, אין למודי קודש וחול. אין יענער צייט, וואָלט
געווען אוממעגלעך ווי יעצט, די אָנערקענונג פון אַ שרייבער,
פון אַ דיכטער, פאַר אַ גערעכטענער נאָוועלע, און אַ שיין לידל.

יעדער סופר-בישראל איז געווען מיט אַ נאָמען, איך וואָלט דאָס אָנרופן מיט אַ „צענז". ווי די רוסישע קלאַסיקער. ס'איז ביי זיי אויך נישט אָראָפּגעפאַלן פון הימל, שרייבער און דיכטער. יעדער יידישן דיכטער און שרייבער האָט מען געקענט פון זיין בילדונג, געענדיקט אַן איניווערזיטעט, אָדער. אַ „ישיבה", אַ ראַבינער-שול. אָט אַזעלכע בטלנים אָפּגעשטאַנענע זענען מיר געווען אין יענער תקופה. און ראובן ברייניך מיט זיינע ידיעות, מיט זיין טאַלאַנט, און אייראָפּעישן אויסערלעכן אויסזיין, האָט געקאָנט דערווערבן די סימפּאַטיע צו זיך, און צום נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק ביי אַלע שיכטן, און אין משך פון די צענדליקער יאָרן, ווען מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט די חברים פון יענע פאַרזאַמלונגען, ביי אונדז אין לאַנד, און אין אויסלאַנד, ביי פאַרשידענע לאַגעס גוטע און שלעכטע, איז גלייך נאָכן ערשטן געשפרעך, האָט מען זיך דערמאַנט וועגן די פאַרזאַמלונגען ביי ר. ב. און געשמועסט מיט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, מיט טרערן אין די אויגן". אַ. א. וו. א. וו.

אויף מאָרגן איז אַלעמענס רעדעס געווען דערמאַנט אין דער פּרעסע. איקס 1 האָט געהאַלטן אַ גייסטרייכע רעדע. איקס 2 אַ פּראַכטפולע רעדע. איקס 3 אַ זייער געלונגענע רעדע א. א. וו. יעדער רעדנער מיט זיין טיטול און טאַלאַנט. דער „פירער" דער „דיכטער" א. א. וו. און מיך און מיין רעדע דורכגעלאָזן. און אָנשטאָט מיין נאָמען, איז געווען „און אנדערע". ס'איז א המשך פון דער נקמה, פאַר מיין זאָגן דעם אמת מיטן געדרוקטן וואָרט אַ מאָל, וואָס פאַרפאָלגט מיין נאָמען אין עקזיסטענץ העכער ווי 20 יאָר. ווייל איך האָב זיך דערלויבט אָנצורירן יעצטיקע גדולים אַ מאָל, אַ מאָל.

ראובן ברייניך האָט מיר ברידערלעך געדריקט די האַנט מיט שטאַרקע באַגייסטערונג: „אַ גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן האָבן מיר פאַרשאַפט אייערע ווערטער, מיין גאַנצן לעבן וועל איך געדענקן די זיסע גייסטיקע מינוטן פון אייער דערינערן מיר דעם ליבן זיסן „עבר".

איך דערמאַן זיך אין דעם מאָמענט ווען איך שרייב די

שורות, וועגן אַ פּערזאָן וואָס איך רעכן פאַר מיין „חוב דאָ צו פאַרצייכנען. די פּערזאָן פון דעם ליבן סימפּאַטישן ד״ר „קלומל״ האָט בעתן באַנקעט געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק ווי פון די פּני. דערמאָנענדיק זיך זיין איבערגעבענע אַרבעט זינט איך געדענק אין ציוניזם בכלל, און פאַר די אויסערגעוויינטלעכע שווערע אַ״ן טרייע אַרבעט פאַרן „תרבות״ בפרט, פון דער ערשטער צייט. וואָס איך האָב זיך צוגעקוקט, אַרבעטנדיק אין אַ תרבות שול, ביז היינט, דאָס איז דער איינציגער ערלעכער פעיקער אינטעליגענטער אומדערמידלעכער אַרבעטער אין ציוניזם דאָ אין וואַרשע. דאָס איז מיין פעסטע ריכטיקע איבערצייגונג.

קומענדיק פון באַנקעט האַלבע נאַכט (געדענק איך נאָך יעצט, בין איך ליגנדיק אין בעט, און קערנדיק זיך ווי די פאָריקע נאַכט אויף מיין געלעגער; דער זייגער האָט מיט זיין טיק-טאַק אַקאָמפּאַנירט מיינע מחשבות, ווי נעמט מען אויף אַ ווייל כאָטש, יענע תקופה, יענעם אמת, יענע מאָראַל, יענעם קינדערשן גלויבן אינם „מענטש״ בכלל, און אידייע בפרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין דורכפאַל מיט סאָציאַליזם.

צוואָנציקסטער טאָג.

ביסלעכווייס ווערט נודנע די גאַנצע צערמאָניע קוראַציע. איך בין שוין פּשוט אַ שונא פונם גלעקל. דאָס עסן איז, ווי אַ מין עקזעקוציע. שטעלט זיך פאַר אַ לשון אָן עין־הרע צווישן איין געריכט און דעם צווייטן פון 70 מיילער מיט פאַרשידענע שטימען. דער עיקר איז, אַז די גאַנצע ציעכאָטשינקער קוראַציע, איז ווי אַ מין אמונה, אַ מין חסידות וואָס דו ביסט געצוווּנגען דורך געצוווּנגענע מיטלען צו גלייבן ווי אין רבינס מופתים, ס׳איז נסתר.

די שמערצן לאָזן נישט אָפּ, איך לייד שרעקלעך, מיט מסירת־נפש אָהערגעקומען, מיט דעם טרייסט „איך ווער געהאָלפן", און לסוף איז שוין דריי וואָכן, נאָך איין וואָך וועל איך דאָ זיין, און איך פיל זיך ערגער, טראָץ דעם, וואָס ביידע דאָקטוירים שמועסן מיר איין, אַז מיר איז פיל בעסער, די איבעריקע פון קאָלאָניע ווילן מיר איבערצייגן אין דעם גלויבן, אַז ס׳דאַרף זיין ערגער, דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז ס׳איז בעסער. די גאַנצע הילף קומט ערשט ווינטער.

„ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין טראַגעדיע, וואָלט עס געווען אַ שיינע קאָמעדיע" — ווי היינע זאָגט, רוּינירט זיך, ליידט שמערצן ביז פאַרצווייפלונג און די „ישועה" וועט קומען ווינטער. ווו נעמט מען אַזויפיל אמונה און געדולד? ווו נעמט מען אַזויפיל כוח אָפּצושטויסן די פאַרצווייפלונג. מען איז צווישן

אַזויפיל מענטשן, מען שמועסט, מען רעדט. אַ מאָל ווילנדיק, אַ סך מאָל נישט ווילנדיק און — „אל תפרוש מן הצבור" ס'ווילט זיך דאָך נישט בלייבן דער „איינזאַמער" פון אַלע.

דאָס ערשטע פרישטיק נאָך זיבן פרי. אייניקע קומען פריער, אייניקע שפּעטער, יעדער איילנדיק, מיט די באָד-לאָקנס נעבן זיך, ס'איז דער איינציקער רויקער טיש ביים ערשטן פרישטיק, ווען מען קאָן הערן וואָס ווער רעדט.

די פרוי „דער סאָציאַליסט" ווי איך רוף זי — ווייל מען קאָן ריידן וועגן וואָס איר ווילט, וועגן סאַלאַנקעס, וועגן בלאָטע-בעדער, וועגן דעם וועטער. וועגן די מוזיק אין פּאַרק, קומט זי אַרויף אויפן סאָציאַליזם; און קריטיקירט יעדן, ווען זי זעט באַשיינפּערלעך, אַז ער איז נישט קיין סאָציאַליסט. און פאַרשטייט נישט דעם סאָציאַליזם.

— מיין יאָסעלע — ווייזט זי אויף איר זיבן-יעריקן קינד און שרייט מיט אַ הייטערער שטים צו די אַנטקעגנדיקע פרויען ביים טיש — מיין יאָסעלע זאָגט, אַז ער האָט ליב די שיקסע-זי ווייזט אויף דער קעלנערקע וועלכע טראָגט דאָס עסן.

מיר פאַרגלויסט זיך אַ וויץ זאָגן, און פרעג מיט אַ שמייכל, צי דאָס איז פון די „חקים פון דעם נייען סאָציאַליזם?...

נו, נו! זייט מיך נישט מקנא. ויפתח הסאָציאַליזם את פּי הסאָציאַליסטקע, און זי האָט מיר אָנגעלייגט אַ פייערדיקע מוסר-דרשה וועגן סאָציאַליזם. דאָס איז ערנסט, הייליק; מיט באַנאַלע וויצן, טאָר מען נישט פאַרשוועכן קיין קדושה. סאָציאַליזם פאַרשטייען נאָר סאָציאַליסטן, און ווי אַזוי נעם איך אויף זיך די דרייסטקייט אָפּלאַכן פון סאָציאַליזם.

איך פאַרענטפער זיך, אַז נישט פון סאָציאַליזם וויצל איך זיך, נאָר פון דעם ערזאַץ-סאָציאַליזם, פון די, וואָס פּרעדיקן וועגן אים אומגעלומפּערט, און האָבן וועגן אים קיין שום ידיעה נישט און ווי באַוווסט, איז זייער אָפט, ווען מען וויל אַרויסקריכן, קריכט מען נאָך מער אַריין... איך בין שוין אַ גראָבער מענטש אויך;—ווען איך קאָן אַזוי באַליידיקן אַ פרוי!

צוויי פרויען באַשיצן מיך מיט זייער דערקלערונג, אַז איך

ווילצל זיך אָפּט, און זיי פֿאַרזיכערן, אַז איך בין נישט קיין בראָבער מענטש, און מיין חו"ש קיין שום שלעכטס נישט, נאָר פּשוט אַ ווייך לשם וויץ, וואָס ס'איז יעדן אינטעליגענטן מענטשן דער־לויבט, און זאָגאַר זייער אָפּט געוווּנטשן און נוצלעך אין אַ געזעלשאַפט, און נאָך מער אין אַ פֿאַרווייל"ונג, און אין אַ קור־אָרט בעווים און געווים.

איך דאַנק מיינע פֿאַרטיידיקערינס, און באַמערק איראָניש כּדי צו צעשטרייען די אויפֿרעגונג פֿון דער סאָציאַליסטקע, אַ דורך זייער פֿאַרטיידיקן מיך, ווער איך פֿון היינט אָן דער מליץ יושר פֿון אַלע ווייבער, און בין מכריז ומודיע פֿאַר דער גאַנצער מאָנ־סבילשער וועלט, אַז גאַנץ אָפּט זענען די 90 מאָס רייד וואָס מען האָט איינגעטיילט די פֿרויען לטובה.

איינע רופֿט זיך אָפּ מיט אַ געלעכטער.

— איך האָב שוין באַלד חרטה וואָס איך האָב פֿאַרטיי־דיקט.

די באַשיצערין פֿון סאָציאַליזם באַרויקט זיך ביסלעכווייז נאָר דאָך דריקט זי אויס איר מיינונג, אַז דאָס האַרץ זאָגט איר אַז איך בין אַ שונא דעם סאָציאַליזם. דאָך לאַכט מען שוין און מען ווילצט זיך בשותּפֿות, און שלום על הנשים.

דהלכות וואַסער־טרינקען.

איינאונצוואַנציקטער טאָג.

אַ שרעקלעכער טאָג פאַר מיר. די ווייטאָקן זענען ביז
שגעון. די דאָקטוירים פאַרזיכערן מיר, אַז מיר איז פיל בעסער.
דאס זעלבע לידעלע ווי פון אַלע ווייבער, אַז וואָס מער מען פילט
די ווייטאָקן איז אַלץ בעסער; געזונט ווערט מען ערשט ווינטער־
דערהייל לייד און האָב טרחה. היינט אין אַזאַ וואָגע, מאָרגן
אין אַן אַנדערער, גיסן אין זיך וואַסער און נאָכדעם לויף.

דער דאָקטאָר האָט מתיר געווען צו שפּאַצירן נאָך דעם וואַסער־
נאָר מיין אויטאָריטעטנע שכנה זאָגט, אַז מען מוז דווקא לויפן.
זי טרינקט נישט דאָס ערשטע מאָל, זי איז שוין אַ מומחה. דער־
פראָפעסאָר אין ווין האָט איר אַליין געהייסן לויפן. קומט די־
צווייטע און מאַכט מיר רחמנותדיקע פאָרוורפן, פאַרוואָס איך
וואַרעם דאס וואַסער אויפן קיך, ס'איז אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן
מיין טרינקען, זאָגט זי, מען דאַרף דאס גלאָז קאַרלסבאַדער וואַ־
סער נישט איבערגיסן אין אַ בלעכענער כּלי און הייס מאַכן
אויפן קיך ווי יענע פרוי האָט מיך געלערנט, נאָר דאס גלאָז וואַ־
סער אַריינשטעלן אין אַ כּלי מיט קאָכעדיק וואַסער.

און די דיסקוסיע צווישן די צוויי ווייבער, בלויז צוליב מיין
טובה, נעמט אָן אַ שאַרפן כאַראַקטער. די ערשטע וועלכע ס'האָט
מיך געלערנט נאָר אָנוואַרעמען, האָט זיך געהיילט ביי אַ באַ־
רימטן פראָפעסאָר, באַטאָנט זי ביי יעדן זאַץ, אַז ער האָט פאַר־

זאָגט טרינקען ווי זי האָט מיך געלערנט און די צווייטע לאַכט זיך אויס, און דערציילט מיט גדלות:

— איך האָב שוין געטרונקען דאס וואַסער אין קאַרלסבאַד גופא צוויי סעזאָנען, איר פאַרשטייט, און איך זאָג אייך אָפן, אַז ווען איר וועט טרינקען דאס וואַסער, ווי זי האָט אייך געלערנט, איז דאס גאַנצע טרינקען, ווי אין גאַס אויסגעגאָסן.

איך פאַרליר זיך, ווי אַ קליין קינד פון די עצות פון צוויי באַזונדערע שלימזלדיקע לערער. און ליגנדיק אויפן בעטל, טראַכט פון מיין פאַרלוירנקייט ביי דעם שלחן-ערוך פון מיינע צוויי אויטאָריטעטקעס וועגן הלכות וואַסער-טרינקען, און באַטראַכט זיך מיט בושה פאַר אַ אידיאָט.

שלעכטע שטימונג

צוויאונצוואַנציקסטער טאָג

די שלעכטע שטימונג מיינע פון עטלעכע טעג איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אויפן פּאַפּיר. זיין אין אַ קאָלאָניע פון זיבעציק פאַרשידענע מענטשן, הערן פאַרשידענע אנעקדאטן קלוגע און נאַרישע זען פאַר זיך דעם עולם-קטן. זיבציק וועלטן. יעדער מיט זיין ווונטש. יעדער מיט זיין גרויסן „איך", און מיט זיינע גרויסע קליינינקע באַגערן. הערן ריידן, און אַליין ריידן. זייענדיק אין אויסערגעוויינטלעכער און שלעכטער שטימונג.

איך האַלט שוין די פעדער אין האַנט אַ לענגערע צייט צו שרייבן פון נעכטיקן טאָג, און דער מח וואַנדערט פון איין דערינערונג צו דער צווייטער אויף אַ מהלך חדשים און יאָרן. איך שליידער אַוועק די פעדער. איך בין מיד און פאַרצווייפלט. איך בין דאָך אויך אַן עולם-קטן! און אַך וואס פאַר אַ שרעקלעך געפּייניקטע וועלט!

דער ווייבערשער קרבן

דרייאונצוואַנציקסטער טאָג

די גאַנצע יוגנט דאָ אין ציעכאָצינעק איז מקנא דעם חבר א. פּאַ־ זיין „פּאָוואָדזעניע" ביי דעם מין־היפה. איך בין אים גאָר נישט מקנא פשוט אַ צער־בעלי־חיים. אַ מענטש אַ שוואַכער איז געקומען דערהאָלן זיך אין א קור־אָרט, און האָט געבעך קיין איין רויקע נאַכט נישט. ווייניק באַפריינדעטע אין קאָלאָניע, מיט וועלכע מען שפּאַצירט און מען ווילט זיך ביז חצות. געשען מיט אים אומגליקלעכע עפּיזאָדן, פון אנדערע ווינוונגען, און דער אידעאַליזם זיינער און אָפּערווילקייט פון הייגטיקע נאַכט איז נישט קיין איינצלנער צופאַל אין זיין „נאכט־בוך".

ער האָט זיך שוין געגרייט אַריין אין בעט, אין גאַנצן אַ מידער, דער זייגער איז איינס. קומט אַ גוט באַקאַנט, יונג ווייבעלע און בעט זיך רחמים, ער זאָל איר טון די פריינטשאַפט, און גיין צו איר איבערנעכטיקן זי קאַן נישט איינשלאָפן. זי מוז האָבן אַ ליטעראַרישן מענטשן ער זאָל איר עפּעס פאַרלעזן צום איינשלאָפן אָט אַזאַ פּרינציפּ האָט זי דאס יונגע ווייבעלע, אין קור־אָרט. דער מאַן אירער, זייער אַ גוטער, נישט קיין ליטעראַט, נאָר אַ באַקאַנטער פון ליטעראַטן; האָט איר אָנגעזאָגט אַז זי זאָל זיך נישט זשאַ־לעווען און צ. און גוט דערהאָלן זיך, און די יונגע צנועה פאָלגט דעם מאַן. חבר א. קאַן זיין ליטעראַרישע אַמביציע נישט פאַרשווענן. ער מוז געבען פאַרלאָזן אַ מידער זיין געלעגער איינס נאָך האַלבע

נאַכט, און באַמיען זיך איינשלעפן ליטעראַריש, דאָס שלאָפלאָזע יונגע ווייבעלע — אַט אַזעלכע ליטעראַרישע מצוות טרעפן גאַנץ אָפט. ער גייט אויס ווי אַ ליכט. ס'נעמט אָן אַ רחמנות אָנצוקוקן דעם ווייבערשן קרבן.

צוויי קינדערלעך — צוויי פייגעלעך

פיראונצוואַנציקסטער טאָג

איך זיץ אין וואַלד־פּאַרק פאַרנאַכט, וויניק שפּאַצירנדיקע. דאָס רוב זענען אין פּאַרק און געניסן פון דער שיינער מוזיק. אַמוזירן זיך, די יונגע שליסט נייע באַקאַנטשאַפט כמנהג ציע־לאַציינעק. איך פיל זיך באַקוועמער, זיכערער. מענטשן האָב איך געזען אין וואַרשע. ס'קלערט זיך וועגן זיי. טאַקע. וועגן די מענטשן, זיי מעגן זיין ווי ווייט פון דיר, פילסטו זייער נאָענטקייט. דאָך ביסלעכווייז באַהעפט איך זיך מיט דער ליבער שטילער נאַטור. און פאַרגעס וועגן אַלץ, אַפילו זיך אַליין!

מיינע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויף צוויי פייגעלעך. איינס נעמט אָן מיט איר שנעבעלע אַ ברעקעלע ברויט פון דר'ערד. גיט אַ לעק אין שנאָבל פון דער צווייטער. זיי קושן זיך שפּרינגען אונטער, פּישטשען און זוכן ווייטער. ס'קומט אויפן זינען דער „מאַלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו". און. פּלוצלינג לויפן צו צוויי קליינע מלאכימלעך, צוויי בלאָנד־געקרייזלטע קינדערלעך, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע, לויפן מיט שמחה און פריידן־געשריי צו די פייגעלעך מיט דער בעסטער כוונה. די פייגעלעך אַנטלויפן. איך ווער אויפגעציטערט, און זיי די אומשולדיקע ליבע קינדערלעך בלייבן פאַרשעמט, אין ווי פאַרצווייפלט. איך גלעט דעם מיידעלע איבער אירע גאָלדענע הערעלעך, און פרעג פריינטלעך:

— זאָג מיר, ליב קינד, פאַרוואָס האָט איר אוועקגעטריבן די פייגעלעך? איר האָט זיי פיינט?

זי לאָזט אַראָפּ די שיינע אייגעלעך פאַרשעמט, און פאַרלירט זיך פון מיין פראגע. דאָס ייִנגעלע כאַפּט ענטפערן.

— ניין ליבער הער! מיר האָבן זיי ליב, זייער ליב, מיר האָבן געוואלט זיך שפּילן מיט זיי, זענען זיי אנטלאָפן.

דאָס מיידעלע ווערט מונטער, און איז מוסיף מיט אַ פּראָטעסטירנדיקער שטים, און מיט אַ פאַרדריסלעכן טאָן, ווייזנדיק מיר אין אַ פּאַפּיר זעקעלע שטיקלעך בייגעלעך.

אָט האָבן מיר זיי געבראַכט. „יאָקיע גלופּיע"!

— אַלע טאָג ברענגן מיר זיי — כאַפּט ווידער אונטער דאָס ייִנגעלע אַביסל אויפגערעגט — און זיי אַנטלויפן פון אונדז.

— אָני סאָן גלופּי, טאַק פּראָשען פּאַנאַ? פּראַוודאַ?

איך באַקום מיטלייד מיט די קינדערלעך, איך פיל שמערצלעך זייער עגמת-נפש. איך נעם זיי פאַר די הענטעלעך און פיר זיי אָפּ אַביסל, איך זאָג זיי.

— קוקט קינדערלעך! נאָר שאַ-שטיל.

ס'געדויערט אַ קליינע ווייל, די פייגעלעך קומען, קלייבן שפּרינגענדיק די ברעקעלעך, קושן זיך אין די שנאָבלען. די קינדערלעך קאָנען זיך נישט איינהאַלטן, שפּרינגען פון שמחה. און קושן זיך מיט קינדערשער גליקלעכער באַגייסטערונג פּאַטשנדיק מיט די הענטעלעך.

איך דערמאָן זיך וועגן דעם „מצוה לסיים בטוב". און באַשליס מער נישט פאַרזעצן דאָ מיין טאָג-בוך. און די עטלעכע לעצטע טעג פון מיין זיין דאָ, זאָל קלאַפּן אויך פאַר מיר דער דזשאַז-באַנד!

אונזערע אויסגאבען

בעלעטריסטיק

1)	גאָגאָל נ. ח. טאראס בולבא	4,50
2)	גלאגאָ, ערנסט און שפאס	2,—
3)	דאסטאיעווסקי פ. דעם פעטערס חלום	4,—
4)	זאפאלסקא ג. וועגען וואס מ׳רעדט נישט.	4,50
5)	יפה י. היימאטס קלאַנגען.	2,—
6)	מאנבערג ל. מאָנאָלאָגען .	1,50
7)	מעכעלע. דער בדחן	1.20
8)	גאמבערג ה. ד. ארץ ישראל	3,—
9)	רייז ב. ח. סיבירער געשיכטען .	3.—

טעאטער ביכער

10)	איטשע מאיר צו די וואלען (איינאַקטער).	,50
11)	בערעלע באסיאק (אָפערעטע)	1,—
12)	די יודישע גמינע (איינאַק.)	,50
13)	דריי מינוט טויט „	,50
14)	דער קליענט ביים פאטאגראפיסט	,50
15)	דזשעקעלע בלאפער	1,—
16)	דאָס זיסע מיידעל	1,—
17)	חצקעלע כל בו׳ניק	1,—
18)	מלכה׳לע סאָלדאַט	1,—
19)	שווארצע חופה .	1.—

פעדאַגאָגישע אויסגאבען

20)	געלבפיש. אריטמעטיק פיר אלע	2,50
21)	גורדון א. ג. מלון תנכי.	2,50
22)	ביכקאָ י. ל. שיחון ,	2,50
23)	פרוז׳נסקי, סטיליסטיקה עברית .	3,50
24)	קאפטאל, פראקטישע בוכהאלטעריע	2,50
25)	קאסטעליאנסקי, שפאניש דורך דריי שפראַכען.	2,50
26)	קאהען ל. יידיש פוילישער בריוועגשטעלער .	2,75
27)	קאמינסק, דער הויז פאבריקאַנט.	2,—

דרוק פעלערן, וועלכע זענען באמערקט געוואָרן נאָכן אפדרוקן דאָס בוך

זייט	שורה		דארף זיין
		אין אינהאלט שורה 2 נו	דער זעקסטער כוס
13	28	פאריכט אים דער אלטער	דער אלטער פאריכט אים. ונתן לנו את תורתו.
17	21	פארווונדעטער	פארוווּנדערטער
50	2	שטודענטן	סטודענטן
70	1	פראכפול	פראכטפול
79	4	קעצל	באצאל
79	7	איר	ער
96	16	נאך מיין מייצונג	נאך זייער מיינונג
118	3	איך די צושויער	אויך די צושויער
120	17	מא	מ. א.
162	5	לתקומת	מתקימת
165	14	גלגל הרשאו	גלגל הראשי
167	19	שול הקודש	שקל חקודש
169	13	שלם	שאלאם
169	14	שלום	שלום
169	17	הטוב	הוטב
170			נאך די צווייטע שורה פעלט די ווערטער „איך געדענק ווי ר. ב. האט געארבעט פאר דעם „קרן קימת״
172	4	זוי פון די פני	צווישן די פני
159	13	ראש ידבר	רש